PJ
5129
G585M4
1908
c.1
ROBA

(4)

דֶער מְטוֹרָף

אַ דראַמאַ אין 4 אַקטען

פון

יעקב גאָרדין.

AMKRAUT & FREUND
Buchhandlung
PRZEMYŚL
1910.

PRINTED IN POLAND

נייעסטער

טהעאטער־קאטאלאג

פון אמקרויט עט פריינד, פשעמישל.

	K	h
יעקב גארדין׳ס דראמען.		
דער אמת	—	70
דער מטורף	—	70
שעהגע מרים	—	70
די שחיטה	—	70
גאָט, מענש אונד טייפעל	—	70
האשע די יתומה	—	70
מירעלע אפרת	—	90
ווילדער מענש	—	70
דבורהלע מיוחסת	—	70
יודישער קעניג ליער	—	70
קרייצער סאָנאַטע	—	70
נעברידער לוריע	—	70
סאַפהאָ	—	70
אלישע בן אבויה	—	70
דער אונבעקאנטער	—	70
יאזעף לאטיינער׳ס ווערקע.		
יודאלע אדער אמת ושכר	—	70
עזרא דער עווינגער יודע	—	70
די סדר נאכט	—	70
דוד׳ס פידאלע	—	60
בלימאלע	—	60
חרבן ירושלים	—	70
הינקע פינקע	—	70
שרה שיינדעל	—	70
מאמאָן דער געלדנאָטט	—	60

	K	h
שלמה גאָרנעל	—	70
פרץ הירשביין׳ס דראמען.		
אינטעליגענט	—	70
איינזאַמע וועלטען	—	70
דער תקיעת כף	—	70
רעמערונג	—	50
די נבלה	—	40
די ערד	—	70
וויטע און נאנטע	—	35
קברים בלומען	—	60
פערשיעדענע.		
אַננא קאַרענינא	—	70
אוריאל אקאסטא, לערנער	—	60
אבאלע אשכנזי	—	70
אידישער פריץ שמ״ר	—	50
אייזיק שעפטיל, פינסקי	—	80
אייבינער יוד, הייערמאן	—	20
אלגעמיינער שטרייק שטיפט	—	50
ארבייט און קאפיטאל	—	60
איטשה מאיר צו די וואהלען	—	20
אייבינע ליעד, ארנשטיין	—	40
בר כוכבא, גאָלדפאַדען	—	60
באַבע מיט דעם אייניקעל	—	60
בן הדור, הארוויטץ	—	70
בית דוד, ״	—	60
בוסתנאי, אויערבאך	—	60
באַנאַכט אויפ׳ן אַלטען מאַרק, י. ל. פרץ	1	—
בת ירושלים	—	60

BERNARD NASS

דֶער מְטוּרָף

אַ דראַמאַ אין 4 אַקטען.

פון

יעקב גארדין.

פֿערלאַג פֿאָן

אמקרויט עט פריינד, בוכהאנדלונג, פשעמישל.

1908

ДЕРЪ МЕТУРОВЪ.

Издательство Амкравта и Фрейнда въ Перемышлю (Австря).

Типографія С. Л. Дейтшера, Подгурже-Краковъ.

081770009

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY
JUNE 13 1988

פּערזאָנען:

מלכיאל גאָרבאָרניקאָוו.

פרומע, זיין פרוי.

יחזקאל, זייער עלטערער זוהן.

בן-ציון, („דער מטורף") זייער יונגערער זוהן.

ישראל יעקב, מלכיאלים א שוואָגער.

שרה חוה, זיין פרוי.

אברהם ראָזענבערג.

מישע, } זיינע קינדער.
ליזע,

מלכה, א דיענסט ביי מלכיאל.

ירוחם־זלמן, א מלמד.

יודען, געסט, עטצ.

עֶרְשְׁטֶער אַקְט.

א גרויס צימער ביי מלכיאל, אלט-מאָדיש מעבעל, אויף דעם טיש גרויסע מעשׂינגע לייכטער, עס ברענט א לאָמפּ, פֿרומע שטעלט אויף דעם טיש שאָהלען און גלעזער, מלכיאל זינגט אליהו הנביא, אליהו התשבי, אליהו הגלעדי, צו צעהן מאָהל יעדעס וואָרט, און רייכערט א לילקע, יחזקאל זיצט בעזונדער און צעהלט געלד, זעהר אויפמערקזאם, ווישט אָב דעם שוויס פון זיין פנים.

פרומע: (עפֿענט דיא טיער) מַלְכָּה דוּ וֶועסְט הַיינְט דֶערְלַאנְגֶען דֶעם סַאמָאוַואר צוּ נַיין? (מלכה קומט מיט'ן סאַמאָוואר) דֶער בַּעַל-הַבַּיִת זָאל לֶעבֶּען חַלֶשְׁ'ט נָאךְ אַ גְלָאז טְהֶע און דוּ קְלוֹיבְּסְט זִיךְ דָארְט...

מילכה: (שטעלט א נידער דעם סאמאָוואר אויף'ן טיש) וואוּהִין זָאל אִיךְ זִיךְ קְלוֹיבֶּען? אִיךְ קֶען אִין סַאמָאוַואר נִישְׁט אַרַיין-קְרִיכֶען, אַז עֶס זִיעדְט נִישְׁט, זִיעדְט נִישְׁט, און אַז עֶס וֶועט זִיעדֶען, וֶועט עֶס זִיעדֶען.

פרומע: (שטיל) וואוּ אִיז בֶּן־צִיוֹן? נֶעה רוּף אִיהם טְהֶע טְרִינְקֶען, אַיידָער מַלְכִּיאֵל וֶועט בֶּעז וֶוערֶען.

מילכה: בֶּן־צִיוֹן זִיצְט בַּיי זִיךְ אִין דֶער פִּינְסְטֶער, און טְרַאכְט פוּנ'ם עוֹלָם-הַתּוֹהוּ, אִיךְ זָאל אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין סַאמָאוַואר? אַ נַייַע קָאמִיסְיָע נָאר, אַז עֶס ווִיל נִישְׁט זִיעדֶען, זִיעדְט נִישְׁט! (אב, מלכיאל ערשיינט).

פרומע: מַלְכִּיאֵל, וֶועסְט טְרִינְקֶען מִיט לִימֶענֶע? (גיעסט אָן א טהע).

מלכיאל: זָאל זַיין מִיט לִימֶענֶע, מִיט שְׁנִימֶענֶע, יְחֶזְקֵאל צֶעהל גוּט אָב, הָאב נִישְׁט קֵיין טָעוּת, אַ טָעוּת קָאסְט מִיךְ גֶעלְד, וואוּ אִיז אוּנְזֶער מְטוֹרָף?

פרומע: אוֹי, מַלְכִּיאֵל, אַז דוּ וָואלְסְט אוֹיף אִיהם נִישְׁט הוּקֶען און נִישְׁט טוּקֶען, און זָאלְכְט אִיהם נִישְׁט רוּפֶען מְטוֹרָף, וָואלְט עֶר אֶפְשָׁר גֶעוֶוען אַיין אַנְדֶערֶער מֶענְשׁ, (אין טיער) בֶּן־צִיוֹן, דֶער טַאטֶע רוּפְט!

מילכה: (אין טיער) בֶּן־צִיוֹן, דֶער טַאטֶע דַארְף אַייךְ הָאבֶּען, וָואס זוּכְט אִיהר דָארְט אִין דֶער פִּינְסְטֶער? אַ פִּינְטֶעל אוֹיף דֶער נָאז? (געהט אריין).

עֶר גֶעהט.

(בן-ציון קומט אריין מיט א בוך אין האנד געקליידעט אין א שווא-רצען ראָק טראָגט א ווייכע שליאַפּע, וועלכע ער נעמט אראָב ווען ער געהט אריין).

בן ציון: טאַטע, דו האָסט מיך גערופען?

מלכיאל: דער אַריינגאַנג אַליין איז שוין פון א מְטוּרָף, וואָס האָבּטו עפּיס אַראָבּגענומען דעם קאַפּעלוש? א פּרץ בּין איך אָדער אפשר בּיזטו אַזא גרויסער אַריסטאָקראַט? עס איז שבת־צו־נאַכט היינט, און אַז מען געהט אַריין, דאַרף מען זאָגען אַ גוטע וואָך.

בן ציון: טאַטע, זאָגען איז נישט וויכטיג, דער עיקר איז מיינען! (טהוט אָן זיין הוט).

מלכיאל: דיא גאַנצע וועלט זאָגט אַ גוטע וואָך, און דו דאַרפסט נישט? (זאָגט אליהו הנביא).

בן ציון: דיא גאַנצע וועלט האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז דיא ערד איז פלאַטש־שיק אָדער...

מלכיאל: דיא ערד איז פלאַטשיק, דערפאַר דאַרף מען נישט זאָגען א גוטע וואָך, נו, איז ער נישט אַ מטורף? (לאכט).

מילכה: (אפארט) אַז אויף'ן הימעל איז אַ ירידה, דערפאַר געהען די קאַטשקעס בּאָרוויס (אב).

מלכיאל: דיא גאַנצע וועלט איז נאַר נישט, נור ער.

פרומע: מלכיאל, דיין טהע ווערד קאַלט, יחזקאל, דיר אָנגיסען?

יחזקאל: אוי, מאַמע, שטערט מיך נישט אין דיא געדאַנקען (צעהלט פּלייסיג 715. 716. 717

מלכיאל: וואָס טראַכטסטו דאָרט אין דער פינסטער? פאַרוואָס טראַכט נישט יחזקאל?

יחזקאל: איך בּין אַ מענש, וואָס האָט פיינט צו געגעצען, איך ווער אין דער פינסטער בּאַלד ענטשלאָפען (צעהלט) 728. 729

פרומע: ווייל דו האָרעוועסט זיך אָן, שלאָפט זיך דיר געשמאַק, און דו האָסט נישט קיין געדאַנקען, ניש-קשה, ער וועט אם ירצה השם אַ מאָל ווערען אַ מענטש, וועט ער אויך נישט האָבען קיין געדאַנקען... בּן-ציון, וועסט טרינקען טהע? (בן-ציון זעצט זיך צום טיש מיט'ן בוך, טרינקט טהע).

מלכיאל: טרינק אָב טהע, פילאָזאָף מיינער, וועסט מיר בּאַלד דערציילן

שרייבען נעטהינע בריעף (זיפצט טהע מיט אפעטיט) איך פערשטעה, א מענש טראכט ווענען א געשעפט, ווי אזוי געלד צו מאכען, אבער טראכטען אזוי גלאט, דאס דארף מען זיין נור משוגע, ווה אקארשט יחזקאל, נישט געווען קיין טעות? עס דארף זיין 1275 רובעל.

יחזקאל: טאטע, עס איז ריכטיג! בסך־הכל איז דא 1275 רובעל, (בעהאלט דאס געלד אין א גארטיל, מיט וועלכען ער פערגארטעלט זיך, אפארט) ער האט געהאט א טעות מיט 32 רובעל, דאס איבריגע א הער (בעהאלט אין ביזעם קעשענע) איך בין א מענש, וואס פערשטעהט (לויט) איך וועל געהן זעהן אויב הרוצקע האט געגעבען דיא פערד שלש־סעודות. ווי די לבנה וועט נור אויפגעהען פאהרען מיר, (ברענגט ארויין א גרויסען זאק) דא איז מיין סאק־וויאזש, מיין ביקסעל איז דא? יא! (נעמט ארויס א רעוואלווער בעטראכט) אנגעלאדען?

פרומע: (ערשראקען) אוי, גזלן, גיב אכטונג!

יחזקאל: איך בין א מענש נישט קיין שרעקענדינער, פון דעסטוועגען איידער איך בין געוואהנט געווארען, האב איך מורא געהאט. איצט וויא מיר פאהרען ארויס נאר פון שטאדט אויף'ן פעלד, שיעס איך אוים אין דיא לופט, דער גזלן זאל מורא האבען צו טראכטען פונ'ם יוד'ס פאר גראשען, נאכדעם גראב איך מיך אריין מיט דעם קאפ אין היא, דעק זיך איבער מיט דער בורקע איבער דעם קאפ, איך זאל נישט זעהען דיא לבנה און איך חראפע...

בן ציון: (געהט צום פענסטער) דיא לבנה שיינט און דו חראפעסט, אוי אין א שעהנע זומער נאכט פאהרען, דיא פעלדער זענען בעגאסען מיט זילבערנע שטראהלען, דיא נאכט איז שטיל, דער וואגען לויפט, דיא פערד טופען, און ווייט ציהט זיך א וואסער וועג (עפענט דאס בוך און לעזט).

יחזקאל: (מיט פעראכטונג) וויים איך, לאם איך געהען צו דיא פערד! (אב).

מלכיאל: דאס וואקסט א מענש, א בעל־הבית, א סוחר, (צו בן־ציון) דו, וואס האסטו דארט אריין געשטעקט דיא נאז אין דיין "צפנת־פענח" אז איך רעד צו דיר? וואס איז דאס דארט פאר א ספר־זכרון?

בן ציון: דאס וואס איך לערען, האט מיר דער פעטער ישראל יעקב געגעבען, עס איז דער "מורה נבוכים" פונ'ם רמב"ם.

מלכיאל: וִויא מַארִינוֹבֶעס? חֶע חֶע חֶע! פוּן וָועמֶען? פּוּנִים מְהַרְשָׁ״א וָואס אִיז עֶס, אַ תְּנַ״ךְ אָדֶער אַ גְּמָרָא?

בן ציון: דָאס סֵפֶר בֶּעווַייזְט, אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט א״ף ד״ר וֶועלְט.

מלכיאל: עֶר דַארְף עֶס בֶּעווַייזֶען? אָהְן אִיהם ווייסְט מֶען עֶס נִישְׁט? נֶעם אָקֶערְשְׁט טִינְט אוּן פֶּעדֶער אוּן זֶעץ דִיךְ, וֶועסְטוּ מִיר שְׁרַייבֶּען בְּרִיעף. דַיין כְּתַב אִיז בֶּעסֶער פוּן יְחֶזְקֵאלִ׳ס אוּן דוּ קֶענְסְט מֶעהר רוּסִיש (יחזקאל קומט).

יחזקאל: אִיצְט מַאמֶע, גִיבּ מִיר אַ גְלָאז טְהֶע מִיט אַ צְוֵויי־דְרַיי קִיכְלִיךְ.

בן ציון: (זעצט זיך צו דעם זעלבען טישעל, וואס יחזקאל איז געזעסען) צוּ וָועמֶען אִיז דָאס דִיא נֶעטִיגֶע קָארֶעשְׁפָּאדֶענְץ?

מלכיאל: קָארֶעשְׁפָּאדֶענְץ, שְׁמָארֶעשְׁפָּאנֶדֶעץ, יָא, יְחֶזְקֵאל, זָאלְסְט לְמַעַן הַשֵׁם אוֹיף דֶעם יָרִיד אָבְּזוּכֶען משֶׁה פַּאלֶעק, אִיךְ וֶועל דִיר בַּאלְד גֶעבֶּען דַיין וֶועקְסֶעל, עֶר צָאהלְט נִיט קַיין קֶרֶן אוּן נִיט קַיין פְּרָאצֶענְט (געהט) דִיא הוֹיט דַארְף מֶען פוּן זַיי שִׁינְדֶען.

בן ציון: (שטיל) אוֹי דִיא פְּרָאצֶענְטֶען, דִיא פְּרָאצֶענְטֶען.

מלכיאל: פְּרָאצֶענְטֶען גֶעפֶעלֶען דִיר נִישְׁט, וָואס דֶען גֶעפֶעלְט דִיר? דַיין קָארֶעשְׁפֶּעדֶענְץ, קָארֶעשְׁפָּאנְדֶענְץ, (אב צו זיך אין צימער, בן-ציון בלייבט זיצען פערטראכט).

פרומע: בֶּן־צִיוֹן! פַארְוָואס נֶעמְסְטוּ דִיר נִישְׁט אַ קִיכֶעל, הָאסְט דָאךְ גָאר נִיט גֶעגֶעסֶען פוּן וַוארֶעמְס אָן, אִיךְ ווַיים נִיט, נָאךְ וָואס לֶעבְּסְטוּ, אַז דוּ עֶסְט נִישְׁט?

בן ציון: מַאמֶע, אִיךְ לֶעבּ נִישְׁט דַארוֹיף, אִיךְ זָאל עֶסֶען, נוּר אִיךְ עֶס, כְּדֵי אִיךְ זָאל לֶעבֶּען.

יחזקאל: אוּן אִיךְ עֶס פָּשׁוּט דֶערְפַאר, וַוייל אִיךְ הָאבּ לִיעבּ עֶסֶען. מַאמֶע, מִילְכָה וָועט נִישְׁט פֶּערְגֶעסֶען מִיר מִיטְגֶעבֶּען עֶפֶּעס אַכְלֶ׳ן אוֹיפְ׳ן וֶועג, ווִי אִיךְ חַאפּ מִיךְ נוּר אוֹיף כְּאוֹר הַבּוֹקֶר, עֶס אִיךְ, אִיךְ שְׁטֶעה אוֹיף מִיט אַ פֶערְטִיגֶען אַפֶּעטִיט אוּן אִיךְ עֶס.

פרומע: אוּן וֶוען דַאווִינְסְטוּ, חַזְקֶעלֶע? דוּ שְׁטֶעהְסְט דָאךְ נִישְׁט אוֹיף אַ גֶעדַאוֶוענְטֶער?

יחזקאל: אַז דֶער טַאטֶע אִיז נִישְׁט דָא, גִיבּ אִיךְ מִיר שׁוֹין אֵיין עֵצָה, מִיךְ

דארף מען נישט פרעגען קיין שאלות-ותשובות, איך פערשטעהי!
א געשעפטסמאן מעג א מאהל פערקנייטשען א דאווענען.

בן ציון: מאכסט געשעפטען מיט דעם רבונו של עולם, קנייטשסט איהם אב האנדעלסט מיט דעם דאווינען און מיט גאט.

יחזקאל: שריי נישט, משוגענער, דער טאטע וועט דערהערען, די מענשען וואס זענען נישט ביי קאמערציע, האבען נישט קיין שכל, ליינען אסך ביכלעך און דאן פערשטעהען זיי גאר נישט.

פרומע: בן ציון, אז די ביזט יא אזא צדיק, און נעמסט דיך אן פארן רבונו של עולם, פאר וואס דאווענסט דו נישט, אז דער טאטע האט זיך אזש געשלאגען דערפאר?

בן ציון: איך? איך וועל קיינעם נישט נארען, מיינסטו מען דארף דאווינען? איך האב פיינט צו מאכען קאמעדיע פון אמונה-זאכען.

מלכיאל: (פון צימער) פרומע, קום נור אהער האסט נישט געזעהען ביי מיר זענען געלעגען דאקומענטען אנגעשטאפט אין איין אלטען תפילין זאק?

פרומע: איך דארף וויסען וואס ביי איהם איז אנגעשטאפט אין אלטען תפילין זאק? (אב).

יחזקאל: וועהסטו צו פיהרען א מלחמה איבערען דאווענען, איך זאג דיר א נעטהיגע זאך, איך בין אליין אויך פון דיא היינטיגע, דאס דאווענען איז ביי מיר בלאטע, נאר אז אלע דאווינען, מאך איך, אז איך דאווען אויך.

בן ציון: נישט דאס דאווענען איז ביי דיר בלאטע, בלאטע איז ביי דיר א דאווען, הם... ער איז אויך פון די היינטיגע!

יחזקאל: איין אמת'ער מטורף (טרינקט און עסט).

מלכה: יחזקאל, אט האט איהר אויפ'ן וועג דריי נאמעלקעס, א האלבע קאטשקע, צעהן הארט-געבאקענע אייער, יחזקאל, איהר וועט לאנג זיין אויפ'ן ווייד?

יחזקאל: איך וועל דארט אזוי לאנג זיין, ביז איך וועל צוריק קומען. מוידו! (אומארמט זיא).

מלכה: וואס טהוט איהר? ער וועט דערזעהן, ער האט דאס פיינט.

יחזקאל: ווייס איך, פרעג איהם בחרם, ער איז איצט אויפ'ן עולם התוהו,

בן ציון: פע, יחזקאל, דאס איז ווער מיאוס, ווי איז א פרעמד מיידעל. און דוא קריכסט צו איהר ווי א חזיר.

יחזקאל: א פרעמדע? מלכה דיענט דאך ביי אונז, איז זי אונזערע א יא מלכה?

מלכה: וואס דען? וואס בין איך אייך עפעס פאר א פרעמדע געווארען אין מיטען דרינען?

יחזקאל: און איך קריעך נישט צו איהר וויא א חזיר, איך קריך צו איהר וויא א מענש, וויא א בשר ודם דארף קריכען.

בן ציון: האסט זיא דען ליעב?

יחזקאל: הערסטו א חכם, פאר וואס זאל איך זיא פיינט האבען?

בן ציון: וואס׳זשע, דוא ווילסט מיט איהר חתונה האבען?

יחזקאל: א שעהנער שידוך, וויא איך בין א יוד, מלכה דוא האסט עפיס אסך נדן?

מלכה: איך האב דריטהאלבען מיליאן מיט קין קערבליך.

מלכיאל: (פון צימער) חזקעלע, קום נור אקערשט אהער.

יחזקאל: (ווינקט אויף בן ציון) מלכה, ווי געפעלט ער דיר? ער פערשטעהט א קאמערציע. (אב.)

מלכה: ר׳ מלכיאל איז דער גרעסטער גביר אין סאראקע, און איך בין איין ארעם דיענסטמיידעל, פעסי פעגע דער קארעלאפינצעס א טאכטער פאלט אייך איין א שידוך מיט חזקאלען, נו, ווענען זיי נישט גערעכט, וואס מען רופט אייך מטורף.

בן ציון: דאס זאג איך דאך, אז ער דענקט נישט חתונה צו האבען נאך וואס קריכט ער צו דיר?

מלכה: אז מיך הארט נישט, וואס הארט עס אייך? איהר ווילט דען מיט מיר חתונה האבען?

בן ציון: איך זאל דיך ליעבען, וואלט איך מיט דיר חתונה געהאט.

מלכה: פאר־וואס׳זשע האט איהר מיך נישט ליעב? בין איך דען נישט א מויד ווי עס געהער צו זיין?

בן ציון: איך האב דיך נישט ליעב דערפאר, ווייל דוא געפעלסט מיר נישט, איך מיין דיך נישט צו בעליידיגען, אבער אז מען האט שוין

אַיינֶע אִין דִיא גֶעדַאנְקֶען אוּן מֶען טְרַאכְט פוּן אֵיין אַנְדֶערֶע, אִיז מֶען אַקוּרַאט וִויא אַ דָבָר אַחֵר.

מילכה: הֶערְסְטוּ דֶער צַדִיק הָאט שׁוֹין אוֹיךְ אַיינֶע, אַ כַּפָּרָה וָואלְט אִיךְ מִיךְ נִיכְער גֶערֶעכְט.

בן ציון: גֶעה, נַאר, אִיךְ הָאבּ זִיא נָאר אִין מַיינֶע גֶעדַאנְקֶען. אִיךְ זָאג אִיהר נִישְׁט, אִיךְ וֶועל מִיר קֵיין מָאהל נִישְׁט עֶרְלוֹיבֶּען וִויא מֵיין בְּרוּדֶער עֶרְנִיעדְרִינְט זִיךְ.

מילכה: עֶרְנִידְרִינֶען? בַּיי אִיהם קוּמְט עֶס אוֹיס אַלֶעס פּוּנְקְט קַאפּוֹיעֶר.

(אַיינְטְרִיט פְרוּמֶע, יחזקאל, מלכיאל).

בַּעַל הַבַּיִת'טֶע. אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעוָואלְט זָאגֶען, דֶער סַאמָעוַואר אִיז וִוי בַּיי אַ קְרַאנְקֶען דֶער קָאפּ.

מלכיאל: דוּא הֶערְסְט, אִיךְ הָאבּ אַזא דַארְשְׁט נָאךְ דֶעם הַיינְטִיגֶען לָאקְשֶׁען קִוגֶעל מִיט דֶעם גֶעפּהִילְטֶען הֶעלְזֶעל, אַ הֶעלְזֶעל שְׁמֶעלְצֶעל.

מילכה: אִיךְ וֶועל אִיהם אֶפְשַׁר צִיבְלָאזֶען מִיט אַ הָארֶעוְוע (אב מיט סאמאוואר)

מלכיאל: נוּ, הַקֶרֶן מַיינֶער, שְׁרַייבּ אָבֶּער מִיט אַ שֶׁעהנֶער מְלִיצָה, דֶעם עֶרְשְׁטֶען בְּרִיעף שְׁרַייבּ אִין מִיקָאלַאיֶעוו צוּם קָאפּיֶעץ קָאגַייבִין, שְׁרַייבּ אִיהם אַז מִיר הָאבֶּען אִין אוּנְזֶער גָאבֶּערְנִיע פְּרִישֶׁען לֶעדֶער, פֵיינֶעם וִוירַאכְטָאק פַאר סָאלְדַאטְסְקִי שְׁטִיוֶועל, שְׁוַוארְצֶע יוּפְטֶען, גוּטֶע קָאוִיאל, אַיינְגֶעצֵייכְנֶעטֶע פָּאדֶעשְׁוֶועס...

בן ציון: דֶערְצוּ דַארְף מֶען הָאבֶּען דִיא מְלִיצָה.

מלכיאל: יְחֶזְקֵאל אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט וַוֶלְמַן קָאוִוארָאךְ הָאט 200 פֶּעלֶען פוּן אָקְסֶען, וֶועלְכֶע וָוערֶען גֶעפַאלֶען פוּן פֶּעסְט, וָואלְסְט וָועהֶען לְמַעַן הַשֵׁם קוֹיפֶען דִיא פֶּעלֶען וָואלְוֶועל.

יחזקאל: טַאטֶע, אִיךְ וֶועל אִיהם צוּקְוֶועטְשֶׁען צוּ דֶער וַואנְד אוּן קוֹיפֶען דִיא פֶּעל וָואלְוֶועל.

בן ציון: מֶען טָהאר נִישְׁט קוֹיפֶען קֵיין פֶּעל פוּן גֶעפַאלֶענֶע אָקְסֶען.

מלכיאל: אַזוֹי, מֶען טָהאר נִישְׁט? וִויא שְׁטֶעהט עֶס אִין פָּסוּק?

בן ציון: אַ הוּץ אַלֶע זַאכֶען שְׁטֶעל זִיךְ פָאר, דוּא פֶערְשְׁלֶעפְּסְט מִיט דֶער פֶּעל אַהֶער אִין סֶערְאקָא דִיא פֶּעסְט אוּן אִיבֶּער דִיר פַיינֶערְט בַּיי אַיין אָרִימֶען מַאן זַיין אַיינְצִיג בְּהֵמָה'לֶע.

מלכיאל: אַ בְּהֵמָה נֶעמְט זִיךְ אָן פַאר אַנְדֶערֶע בְּהֵמוֹת. גֶערְאטֶענֶער מַיינֶער! דוּא בִּיזְט טַאקֶע אַ בְּהֵמָה, אָבֶּער דוּא דַארְפְסְט פַאר דֶער פֶּעסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבֶּען. דוּא בִּיסְט יַא וִויא יֶענֶע אַ יוּדֶענֶע, אַ צָרָה פוּן וֶועלְכֶער אִיהר מַאן הָאט גֶעזָאגְט אִיךְ קֶען פוּן מַיין צָרָה נִישְׁט פְּטוּר וֶוערֶען. אִיז אַ כָּאלֶערֶע אוֹיף מֶענְשֶׁען, טְשֶׁעפֶּעט זִי נִישְׁט דֶער מַלְאָךְ הַמָוֶת, וַוייל זִי אִיז אַ בְּהֵמָה. אִיז אַ כָאלֶערֶע אוֹיף בְּהֵמוֹת, רֶעכֶענְט דֶער מַלְאַךְ הַמָוֶת מִיר אוֹיף צוּ לְהַכְעִיס מַיין בְּהֵמָה פַאר אַ מֶענְשׁ.

פרומע: אוי וָואס דִיא מַאנְסְבִּילֶען טְרַאכְטֶען אַלְץ אוּמ־אוֹיף דִיא וַוייבֶּער?

בן ציון: נוּ, אוּן צוּ וֶועמֶען אִיז דֶער צְווייטֶער בְּרִיעף?

מלכיאל: דֶעם צְווייטֶען בְּרִיעף דַארְף מֶען שְׁרַייבֶּען מִיט שֵׂכֶל, שְׁרַייבּ אִין אַדֶעסֶער קָאמֶערְטְשֶׁעסְקִי בַּאנְק, אַזוֹי וִויא מִיר הָאבֶּען גֶעהֶערְט, אַז אַבְרָהָם רָאזֶענְבֶּערְג (געהט צום פענסטער) וֶועט נָאר וָואס פַאר אַ מִילְיָאנֶען דָארְט אִיז, וַוארְט עֶס וֶועט אַ רוּחַ אִין דַיין טְרֵפָה׳נֶער קִישְׁקֶע אַרַיין, שְׁרַייבּ אַז אַבְרָהָם רָאזֶענְבֶּערְג וִויל אִיצְט לַייעֶען 3000 רוּבֶּעל אוֹיף זַיין נַארְבַּארְנִיעֶ, מֶעלְדֶען מִיר. אַז רָאזֶענְבֶּערְג אִיז אַ גְרוֹיסֶער מַאשֶׁענִיק, הַאלְט בַּיים אֲנְזֶעצֶען אוּן מַאכֶען פְּלֵיטָה.

בן ציון: טַאטֶע, וֶועסְט אוּנְטֶערְשְׁרַייבֶּען דַיין נָאמֶען אוֹיף דֶעם בְּרִיעף?

מלכיאל: (לאכט) הֶערְסְטוּ אַ שֵׂכֶל? נוּ, אִיז עֶר נִישְׁט מְשׁוּגָע אוֹיף טוֹיט?

יהזהאל: אַיין קָאמֶערְצִיעֶ, בְּרוּדֶער, שְׁמַייסְט מֶען פַאר אַזֶעלְכֶע זַאכֶען.

מלכיאל: מֶען שְׁמַייסְט נִישְׁט אִין קָאמֶערְצִיעֶ, מֶען שְׁמַייסְט בְּרוּדֶער וָואוּ דִיא יוּדֶען הָאבֶּען גֶערוּהט. שְׁרַייבּ מִיט קָאפּ אוּן שְׁוַוייג, וֶועט מֶען נִישְׁט וִויסֶען אַז דוּא בִּיזְט אַזאַ פֶּרֶא־אָדָם.

בן ציון: נַיין, אַזאַ אַנָאנִימֶען בְּרִיעף וֶועל אִיךְ נִישְׁט שְׁרַייבֶּען.

מלכיאל: וִויא אַזוֹי רוּפְט עֶר עֶס: אַנִימֶע?

יחזקאל: אַנָאנִימֶע, דָאס אִיז אַ פָּנִים אַזאַ בְּרִיעף, וָואס אִיז גֶעגֶען זַיין יוֹשֶׁר.

מלכיאל: וָואס נֶעמְסְטוּ דִיךְ אָן פַאר רָאזֶענְבֶּערְג? עֶר אִיז דִיר מֶעהר קָרוֹב וִויא אַיין אַיינֶענֶער טַאטֶע?

בן ציון: עֶר מֶעג זַיין אַ קָרוֹב אָדֶער אַ שׂוֹנֵא, אַזאַ בְּרִיעף שְׁרַייבּ אִיךְ נִיט.

מלכיאל: וֶועהְסְטוּ, דָאס הָאסְטוּ דַוְקָא אַ טָעוּת, דוּא וֶועסְט שׁוֹין יָא שְׁרַייבֶּען.

בן ציון: טאטע, עס איז איבּריג צו רעדען, איך וועל אזא בּריעף ניט שרייבּען.

מלכיאל: דוא ווילסט מיך לערנען, וועלכע בּריעף צו שרייבּען?

בן ציון: דיך לערנען? ניין, איך וויל נאר, דוא זאלסט מיך נישט לערנען.

מלכיאל: ווען דיך און שרייב, איך וועל דיך יא לערנען.

בן ציון: איך נישט! חזקעל וועט דיר אפשר אנשרייבען אזא בּריעף.

מלכיאל: דוא ועסט נישט שרייבּען? וואו איז ערגעץ מיין שטעקען?

פרומע: בּן ציון, פאלג דעם טאטען. דוא טהוסט נור, וואס מען הייסט דיר.

בן ציון: איך זאג, אז דוא וועסט מיך אפילו דערהרגענען וועל איך נישט שרייבּען.

מלכיאל: דוא וועסט שוין בּייא מיר שרייבּען, וועסט שרייבּען. (קלאפט מיט בן ציונס קאפּ אין טיש).

מילכה: הערט אויף מלחמה האלטען, מענשען גיהען אהער... אוי וועה, ער האט שוין געבּעך געקרינגען אויף דער פולער וואך א בּרכה והצלחה אמן סלה (אב).

מלכיאל: נעם דוא חזקעל און שרייב (יחזקאל זעצט זיך שרייבען) וועד געהט עם דארטען? (פערדרייכערט א ציגאר און זינגט אליהו התשבי).

פרומע: אט דאס איז אונזערע, נאט אליין האט זיי געבּראכט.

(אויפטרעט ישראל יעקב, חוה).

אלע: א גוט וואך!

מלכיאל: וועלטעגע געסט, א גוטע וואך, זיצט מיר וועלען טרינקען טהעע, וויא איז מיין ליקע? (רייכערט, זינגט).

חוה: מלכיאל, דו זינגסט זמירות דאכט זיך מיט דעם נוסח פון הוישענות שלאגען.

יהוזאל: דאס שרייבּען איז בּיי מיר א גאנצע הארעוואניע (מילכה מיט סאמאוואר).

מילכה: צו בּלאזען, וואס מאכט אונזער מימע חוה?

חוה: אז איך וועל דיר זאגען וואס איך מאך, וועסטו מיר דארפען דערצעהלען וואס דו מאכסט, א מעהר טשעפּע מיך ניט, און איך וועל דיך ניט טשעפּען, און טשעפּע דיך פון מיר.

ישראל יעקב: נא בּן-ציון וואס מאכסטו עפּים? ווי האלטסטו מיטן תורה

נְבוֹכִים ? קָאנְסְט קַיְיעֶן בְּרֶעכְסְט דִיר נִישְׁט דִי צֶעהְן, אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעבְּרַאכְט דֶען עֵמֶק אֲרָזִים, שֶׁעהֶנֶע מְלִיצָה וִוִיא נָאלְד ׃ גֶעדֶענְקְסְטוּ הַשֶּׁמֶשׁ הִשְׁלִיכָה קַרְנֶיהָ הָאַחֲרוֹנוֹת וְהַב מִפָּז, דִי זָאנֶע הָאט גֶעוָוארְפֶ׳ן אִיהְרֶע לֶעצְטֶע שְׁטְרַאהלֶען פוּן גִינְגָאלְד.

מלכיאל ׃ גִינְגָאלְד, שְׁמִינְגָאלְד, גָאלְד שְׁמִיעד מַיינֶער וָואס קֶענְסְטוּ אוֹיס־שְׁמִיעדֶען פוּן שְׁטְרַאהלֶען פוּן גִינְגָאלְד ?

ישראל יעקב ׃ גֶעוִויס קַיין פִידֶעשְׁוָועס קֶענֶען מִיר נִיט פוּן שְׁטְרַאהלֶען אוֹיסְשְׁמִיעדֶען, בֶּן צִיוֹן, וָואס בִּיסְטוּ מִיר עָפִּים וִויא צוּ פְלָאכְטֶען ?

חוה ׃ עֶר הָאט מַסְתְּמָא גֶעהַאט אַ וִכּוּחַ מִיטְ׳ן טַאטֶען אִיבֶּער׳ן מוֹרֶה נְבוֹכִים, אָדֶער מִיטְ׳ן מוֹרֶה נְבוֹכִים אִיבֶּער׳ן טַאטֶען.

בן ציון ׃ מִימֶע, אִיהר הָאט גֶעטְרָאפֶען, עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען אַ וִכּוּחַ.

מילכה ׃ אָבֶּער נִישְׁט אִיבֶּערְ׳ן טַאטֶען, אִיבֶּערְ׳ן זוּהן בֶּן צִיוֹן.

בן ציון ׃ דֶער טַאטֶע הָאט מִיךְ עֶרְשְׁט גֶע׳הַרְגֶ׳עט גֶעשְׁלָאגֶען.

מלכיאל ׃ גֶע׳הַרְגֶ׳עט גֶעשְׁלָאגֶען, דוּ הֶער אִיהם וָואס עֶר וֶועט דִיר דֶער־צֶעהלֶען דֶער מְשׁוּגָע׳נֶער !

בן ציון ׃ טַאטֶע, אַז דוּ פִּיהלְסְט דוּ הָאסְט גֶעטְהוּן אַ גֶערֶעכְטֶע זַאךְ נָאךְ וָואס זָאלְסְטוּ וֶועלֶען אָבְּלַייקֶענֶען ?

מלכיאל ׃ אָבְּלַייקֶענֶען אָבְּשְׁמַייקֶענֶען, אַיין אַנְדֶערֶער וָואלְט חָאטְשׁ גֶע־שְׁוִויגֶען, אוּן עֶר דֶערְצֶעהלְט נָאךְ, עֶס אִיז אָךְ אוּן וָועה אַז מֶען דַארְף אַזָא גְרוֹיסֶען בִּיק שְׁלָאגֶען.

בן ציון ׃ מֶען דַארְף ? אַלֶע וָואס שְׁלָאגֶען דֶען צְוַוייטֶען, פֶּערְעֶנְפֶערֶען זִיךְ מִיט דֶעם וָואס מֶען דַארְף, וֶוער זָאגְט אַז מֶען דַארְף שְׁלָאגֶען ? וֶוער גִיט אַ מֶענְשֶׁען אַ רֶעכְט אִיבֶּער אַיין אַנְדֶערֶען ? אִיךְ בִּין שׁוֹין נִיט קַיין קִינְד, אִיךְ בִּין אַ מֶענְשׁ, אִיךְ לֶערֶען דֶען מוֹרֶה נְבוֹכִים אוּן דֶענְק דֶערְפוּן וָואס דֶער רַמְבַּ״ם אוּן אַרִיסְטָאטֶעלֶעס זָאגֶען אִיבֶּער דִיא אַטְרִיבּוּטֶען פוּן גָאטְהַייט, אוּן דוּ שְׁלָאגְסְט מִיךְ מִיט אַ שְׁטֶעקֶען, אוּן פַאר וָואס ?

מלכיאל ׃ אַטְרִיבּוּטֶען וֶוערְטוּטֶען, מַאכְסְט מִיךְ פָּשׁוּט גְלִיקְלִיךְ דֶערְמִיט, וִויפִיעל פֶערְדִינְסְטוּ דַאמִיט ?

ישראל יעקב ׃ שְׁלָאגְסְט הָא ? וִוילְסְט מַאכֶען פוּן אִיהם אַ הַארְטֶע פֶאדֶעשְׁוָוע, גְרָאבֶּער יוּנְג !

חוה : אַז נִיט שְׁלָאגֶען וָואס פַאר אַ אַנְדֶער נַחַת קֶען מֶען הָאבֶּען פוּן קִינְדֶער ?

פרומע : אַז דֶער טַאטֶע שְׁלָאגְט מֵיינְט עֶר דָאךְ אַ וַודַאי דֶעם קִינְד׳ס טוֹבָה.

חוה : הֶערְסְטוּ, דֶער טַאטֶע טְהוּט אִיהם אַ טוֹבָה אוּן עֶר אִיז נָאךְ בְּרוּגֶז, יָא, דִיא הַיינְטִיגֶע קִינְדֶער זָאגֶען טְשֶׁעפֶּע מִיךְ נִיט אוּן אִיךְ וֶועל דִיר נִיט טְשֶׁעפֶּען, אוּן טְשֶׁעפֶּע דִיךְ אָב פוּן מִיר.

מילכה : אוֹי אִיז דָאס אֵיין אַלְטֶער גַנָב, פּוּנְקְט וִויא אַ מַאנְסְבִּילְד (אב).

יחזקאל : אוֹיף! גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם פַּאדְרִיאַד.

מלכיאל : אִיךְ קֶען נִיט לַיינֶען, אָבֶּער אִיךְ וַויים אִיךְ וִויל נִיט לַייקֶענֶען דֶער מְטוּרָף וָואלְט מִסְתָּמָא בֶּעסֶער אוֹיפְגֶעשְׁרִיבֶּען, אַ קָאפּ הָאט עֶר...

פרומע : וֶועהסְט בֶּן צִיוֹן, דוּ מֵיינְסְט דֶער טַאטֶע אִיז דִיר אַ שׂוֹנֵא.

מלכיאל : אָבֶּער וָואס הֶעלְפְט עֶס אַז עֶר וִויל נִישְׁט זַיין קֵיין מֶענְשׁ!

ישראל יעקב : דוּ ווילְסְט זָאגֶען עֶר וִויל נִיט זַיין קֵיין פֶערְד, בִּיסְט אָנְגֶע־שְׁטָאפְּט מִיט גֶעלְד וִויא אַ קִישְׁקֶע מִיט מַעֲשִׂים טוֹבִים, קְרַאנְק בִּיסְטוּ אִיהם לָאזֶען לֶערְנֶען, אַ קְלֵיינִיגְקֵייט זַיין קָאפּ, אַז דוּ בִּיסְט אָבֶּער נָאר אַ מֵבִין אוֹיף פֶּרְדֶעשְׁוֶועס.

מלכיאל : אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה אַ יוּד אִיז מְחוּיָב זַיין קִינְד לָאזֶען לֶערְנֶען דַאוִונֶען, אָבֶּער וַוייטֶער וָואס דַארְף מֶען דִי בִּיכְלֶעךְ מִיט דִי מְהַרְשָׁא׳ס־שִׁיטָה, מֶען דַארְף וֶועהֶען פֶערְדִיעֶנֶען, אוּן טְהוּן אַ גֶעשֶׁעפְט.

ישראל יעקב : יָא, דוּ מֵיינְסְט מֶען דַארְף נוּר פֶערְזָארְגֶען דִיא וָועלְט מִיט לֶעדֶערְנֶע שְׁטִיוֶועל ? פַאר דִיא פִים, נוּ אוּן פַאר דֶעם קָאפּ דַארְף מֶען נִיט זָארְגֶען ? גֶעשֶׁעפְט! וָואס מֵיינְסְטוּ אַ דָאקְטֶער, אַ אַדְווָאקַאט, הָאט נִיט קֵיין גֶעשֶׁעפְט ?

מלכיאל : יָא, אַ דָאקְטֶער הָאט אַ גֶעשֶׁעפְט, וֶוען אִיךְ דֶער גֶעשֶׁעפְטְס מֶענְשׁ הָאבּ אַ קְרֶענְק, דֶער אַדְווָאקַאט הָאט אַ גֶעשֶׁעפְט וֶוען עֶךְ וָועל גַנְבֶ׳עֶנֶען טָאמֶער אָבֶּער וִויל אִיךְ נִיט קְרֶענְקֶען אוּן נִיט גַנְבֶ׳עֶנֶען ?

חוה : גֶעה, מַלְכִּיאֵל אִיךְ וֶועל דִיר גְלוֹיבֶּען אַז דוּ וִוילְסְט נִיט קְרֶענְקֶען, אָבֶּער אַז דוּ וִוילְסְט חָלִילָה נִיט גַנְבֶ׳עֶנֶען, וָועל אִיךְ דִיר קֵיינְמָאל נִיט גְלוֹיבֶּען.

בן ציון : צוּם הַאנְדֶעל דַארְף מֶען נִיט זַיין גֶעלֶערְנְט, אַט פִיהְרְסְטוּ דַיין

נאַרבאַרנִיע ווִי אִין דִיא אַלְטֶע צַייטֶען, אוּן רָאזֶענבּערג הָאט אַ זוּהן אַ אִינזֶ׳שׁנִיר, הָאט עֶר טַאקֶע אַלֶעס אִיבֶּערגֶעבּוֹיעט מִ״ט מַאשִׁינֶען אִין פֶערשִׁיעדֶענֶע וַאכֶען, עֶר וַוייסְט וִוי אַזוֹי דַאמְפְּף וִויא אַזוֹי עֶלֶעקְטְרִישֶׁע אַפַּאראַטֶען.

יחזקאל: נוּ יָא, אוּן הָאט זִיךְ מִ״ט דִיא אַפַּאראַטֶען אַזוֹי פֶערדְרֶעהט דֶען קָאפּף אַז נוּ טְפֶרִי, יָא נוּ, דוּ פְרֶעג מִיךְ, אִיךְ בִּין אַ מֶענְשׁ וָואס אִיךְ פֶערשְׁטֶעה.

מלכיאל: עֶר אִיז נִיט גֶערֶעכְט ? רָאזֶענבֶּערג אִיז אַיין אַרִיסְטָאקְרַאט בַּיי אִיהם אִין שְׁטִיעבּ שְׁטָא—טַאם טְהוּט זִיךְ, דִי טָאכְטֶער בְּרִינְקֶעט אוֹיף דֶעם פְּיַאנַא, מֵיקָא דִיא טָאכְטֶער בִּין אִיךְ אִיהם מוֹחֵל...

יחזקאל: טַאטֶע, אִיךְ מַיין פֶערקֶעהְרְט, דִיא מַאשִׁינֶען בִּין אִיךְ אִיהם מוֹחֵל אָבֶּער דִיא טָאכְטֶער...

מלכיאל: דִיא טָאכְטֶער גֶעפֶעלְט דִיר טַאקֶע, שַׁייגֶעץ, יָא מֶען זָאגְט זִי אִיז אַ מֵיידֶעל וִוי אַ פַּארְפֶעל צִימֶעס, אוּן דֶער זוּהן אִיז אַ גַאנְצֶער גֶעבִּילְדֶעטֶער יַאנְטְשִׁיק, אַז עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּם בֶּענְטְשֶׁען מְזוּמָן וִויא זָענֶען דִיא מָרָנָן וְרַבּוֹתַי ?

מילכה: זָאל אִיךְ אַזוֹי לֶעבֶּען, זָאל אִיךְ אַזוֹי גֶעזוּנְד זַיין רָאזֶענבֶּערג גֶעהט אַהֶער !

ארע: רָאזֶענבֶּערג ?

מילכה: זָאל אִיךְ צוּ נֶעמֶען דִי לַייכְטֶער ? אַלְט מָאדִישֶׁע יוּדִישֶׁע לַייכְטָער אַ מוּאָסֶע זַאךְ פַאר אַ זֶעלְכֶע גֶעבִּילְדֶעטֶע מֶענְשֶׁען (אב).

חוה: וָואס זָאגְט אִיהר פָארְט אִיךְ הָאבּ פֶערגֶעסֶען אָנְצוּטְהוּן מַיין קְרִינְדֶעלִין מִיטְ׳ן טְשׁוּפְּטִישִׁיק.

מלכיאל: זֶעה נוּר וָואס עֶס טְהוּט זִיךְ פַאר אַטַאראַראם אַז עֶר גֶעהט, גֶעהט עֶר. וִינְגְט אֵלִיָהוּ הַתִּשְׁבִּי.

(אויפטריט ראזענבערג, מישע).

ביידע: גוּטֶען אָבֶענְד ! (נעהמען אראב דיא היטעל).

ראזענבערג: דָאס אִיז מַ״ין אִינזֶ׳שֶׁענִיר, טֶעכְנָאלָאג, עֶס הָאט גֶענוּג גֶעקָאכְט מִישֶׁע, דָאס אִיז ר׳ מַלְכִּיאֵל׳ס שְׁוַואגֶער ר׳ יִשְׂרָאֵל יַעֲקֹב, מֶעגְסְט אַ מָאל אַרַיינְגֶעהֶען צוּ אִיהם פִּילִיזָאפִירֶען אַ גְרוֹיסֶער פִּילִיזָאף.

ישראל יעקב: וויים איך, אויך מיר אַ פִילִיזָאָף, גאָר נִיט, יעדער מענש איז אַבִּיסאַלֶע אַ פִילִיזָאָף, לַיידער איז אָבער נִיט יעדער פִילִיזָאָף חָאטשֶׁע אַ שְׁטִיקעל מענש.

ראזענבערג: נוּ, און וָואס מַאכְט חַזְקאל? ר' מַלְכִּיאל, אָט מִיט דֶעם זוהן בִּין אִיךְ אַייךְ מְקַנָא.

מיישע: אִיךְ האָב פִיעל געהערט וועגען אַייערע קוֹיפמֶענִישֶׁע פֶעהִיגְקֵייטען.

יהודאל: מִיר דַארְף מֶען קֵיין פִינְגער אִין מוֹיל נִיט אַריינְלֶעגען, אִיךְ האָב וָואס מֶען דַארף צוּם געשֶׁעפְט אַ גוּטען אוֹיער, מִיט אַיין אָפֶען אוֹיג.

חוה: מִיט אַ לַאנְגֶע האַנְד.

ישראל יעקב: מִיט אַ קוּרְצֶען שֵׂכֶל.

ראזענבערג: נוּ, און בֶּן צִיוֹן? נָאךְ אַלֶס נִיט בַּאלַאנְסִירְט? עֶס אִיז שׁוֹין צַייט צוּ ווערען אַיין מֶענְשׁ און ווערען דֶעם פַאטֶער אַיין העלְפָער, עֶר אִיז פוּן אוּנְזֶערֶע קַאטֶעגָארִיע.

מישע: וָואס ווֶעהט מֶען אַייךְ נִישְׁט בֶּן צִיוֹן? אִיהר קוּמְט נוּר ווען אִיהר דַארְפְט אַיין בּוּךְ?

מלכיאל: אוֹי דִי בִּיכֶער נִישְׁט געדַאכְט זָאלֶען זַיי ווערען, נוּר דֶער מוֹחַ וועֶרט פוּן זַיי צוּטוּמֶעלְט.

מישע: דִיא בִּיכֶער זֶענען נִישְׁט שׁוּלְדִיג, יֶעדֶער דַארְף ווִיסֶען זַיין פְּלַאץ און טְהוּען זַיינֶעס, עֶס אִיז דָא מֶענְשֶׁען וָואס דַארְפֶען בִּיכֶער, אָבֶער דָא אִין סָארָאקֶע, אַ יוּנְגֶער מַאן בַּיי אַ סוֹחֵר אִין הוֹיז וָואס טוֹיגֶען אִיהם דִיא בִּיכֶער מִיט דִיא פַאנְטַאזִיעֶן, אַ סוֹחֵר אַ אִידֶעאַלִיסְט אִיז פּוּנְקְט אַזוֹי נַאטִירְלִיךְ, גְרַאדֶע ווִיא אַ מֶענְשׁ וָואס געהט מִלְחָמָה האַלְטֶען און האָט מוֹרָא צוּ נֶעמֶען אַ בִּיקְס אִין דֶער האַנְד קָאמֶערְצִיָע אִיז מִלְחָמָה.

בן ציון: אַ געבִּילְדֶעטֶער מֶענְשׁ זָאל אַמָאהל זָאגֶען אַזוֹי און אַמָאהל אַזוֹי? ווִי עֶס פַּאסְט הַיינְט עֶס! עֶר הַנְפֶ'עט זִיךְ אָב צוּם טַאטֶען, דָאס אִיז אַ חִדוּשׁ!

מילכה: דֶער אִיזְשֶׁענִיר האָט אוֹיף מִיר צְווֵיי מָאהל אַ קוּק געטְהוּן ווַייזְט אוֹיס צוּ זַיין ווָעהר אַ געבִּילְדֶעטֶע מֶענְשׁ.

מלכיאל: אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה אִיהר זַייט דָאךְ געקוּמֶען מִסְתָמָא נִישְׁט צוּ נַאסְט אָפְשָׁר ווָאלְטֶען דִיא ווַייבֶּער זִיךְ מַטְרִיחַ געווֶעזֶען בֶּן דַאנְגֶען?

חוה: אַ בְּרֵירָה הָאבֶּען מִיר. קוּם פְּרוּמֶע. אַז דִיא כַּאנְסִבִּילֶען בֶּעשֶׁעפְטִיגֶען זִיךְ מִיט נַארִישְׁקֵייטֶען מֶעגֶען דִיא וַוייבֶּער זַיין דֶערְבַּיי. קוּים טְהוּעָן זֵייא עֶפֶּעס ווִיכְטִיגֶעס הֵייסְט מֶען דִיא וַוייבֶּער גֶעמֶען דֶעם ווֶעג דֶערְפַאר זָעְגֶען מִיר בֶּעקַאנְט נָאר מִיט זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקֵייטֶען. (ווייבער אב).

מישע: ר׳ מַלְכִּיאֵל אִיךְ ווֶעל אֵייךְ עֶרְקְלֶעהְרֶען נָאךְ אֶפֶּען וָואס מִיר וָועגֶען גֶעקוּמֶען. אִיהר וָוענְט אַ קְלוּגֶער מֶענְשׁ אוּן ווֶעט אַלֶעס בֶּעגְרֵייפֶען פוּן פְּרַאקְטִישֶׁען שְׁטַאנְד פּוּנְקְט. הַיינְטִיגֶע צֵייטֶען קֶען מֶען נִישְׁט אַרְבַּייטֶען מֶעהר מִיט אַלְטֶע מִיטְלֶען. אִיךְ ווִיל נִישְׁט קְרִיטִיקִירֶען. אֵייעֶר קַאנְסֶערְוַואטִיווֶע־ווַאנְד אִיז וָועהר שְׁלֶעכְט גֶעבּוֹיט. דִיא פְּרָאדוּקְטֶען קוּמֶען אַרוֹיס שְׁלֶעכְט. אוּן דִיא אַרְבֵּייטֶער גֶעפִינֶען זִיךְ בַּיי וָועהר שְׁלֶעכְטֶע אוּמְשְׁטֶענְדֶע. אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין פִילַאנְטְרָאפּ נָאר אַז דִיא אַרְבֵּייטֶער הָאבֶּען בֶּעסֶערֶע הִיגִיעֶנִישֶׁע סַאנַאטָארִישֶׁע קָאנְדִיצִיאָנֶען אַרְבֵּייטֶען זֵייא מֶעהר אוֹיס.

בן ציון: דִיא אַרְבֵּייטֶער זָענֶען אַזֶעלְכֶע מֶענְשֶׁען ווִיא מִיר. וָואס שֶׁעהמְט אִיהר אֵייךְ זָאגֶען דֶעם אֶמֶת.

מישע: מִיט אֵייעֶר גַארְבַּארְנִיע פֶּערְגִיפְטֶעט אִיהר דָאס וַואסֶער פוּן טֵייךְ. אִיהר צָאהלְט דֶערְפַאר אָבֶּער דֶעם אוֹיסְפְּרַאווְנִיק. אוּן אִיהר שַׁאדֶעט זִיךְ אַלֵיין. קַאפִּיטַאל אִיז גוּט צוּ פֶּערְאֵיינִיגֶען מִיט ווִיסֶענְשַׁאפְט.

מלכיאל: עֶס אִיז שׁוֹין 25 יָאהר אַז אִיךְ שַׁאדֶע מִיךְ אַלֵיין אוּן דַאנְקֶע גָאט הַלְוַאי וַוייטֶער אוֹיסְקוּמֶען אָהן ווִיסֶענְשַׁאפְט. שְׁמִיכֶענְשַׁאפְט.

יעקב: מֶען אִיז אַ מָאל גֶעפָּאהְרֶען אוֹיף אָקְסֶען אוּן מֶען הָאט גֶעוָואגְט הַלְוַאי ווַייטֶער. אִיז דָאס אַ רַאיָה אַז מֶען דַארְף נִיט קֵיין אֵייזֶענְבַּאהן? אַז מֶען קֶען אוֹיסְקוּמֶען מִיט אָקְסֶען דַארְף מֶען הָאבֶּען ווִיסֶענְשַׁאפְט?

מלכיאל: אִיךְ וָואלְט גֶעוָואלְט ווִיסֶען ווִיא אַ הִין אִיהר צִיעלְט דָאס. אִיהר ווִילְט דָאךְ עֶפִּיס?

ראזענבערג: אִיהר זַייט גֶערֶעכְט. מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִיט אַ שְׁטְרַאטֶע־גִישֶׁען פְּלַאן. ר׳ מַלְכִּיאֵל. מִיר אַרְבֵּייטֶען בֵּיידֶע בַּיי אֵיינֶע לִינְיֶע. בַּיי אֵיינֶען גֶעשֶׁעפְט אִין אֵיין קַאטֶעגָארְיֶע. אַ מָאל הָאט אִיהר בַּיי אוּנְז. בַּיי מֵיין פָאטֶער עָלָיו הַשָּׁלוֹם...

מלכיאל: אִיךְ לֵייקֶען נִיט. אַ מָאל גֶעווֶען אַ פְּשׁוּט׳ער גַארְבַּארְנָער בַּיי

אייער טאטען, און היינט דאנקען מיר גאט קען איך מיינע געוועזענע בעל בתים צעהן מאהל קויפען און פערקויפען.

ראזענבערג: מיר פערגינען אייך און מיר שעהמען זיך ניט מיט אייך, פערקעהרט מיר זענען געקומען אייך פארלעגען א קאנסילידאציע.

מרביאל: וואס? א קאנסיליד... וואס איז דאס פאר א מין חיה? עפים א געשעפט אויב מען קען פערדיענען, נו, נו.

ראזענבערג: דאס הייסט, וואס דארפען מיר קאנקורירען? פערקעהרט לאמיר מאכען יד אחת, איהר האט געלד, מיר האבען וויסענשאפט, מיר קענען ארבייטען ביידע אין איין קאטעגאריע, אונזערע קינדער וואקסען אונטער, וואס דארפען מיר זיין שונאים? ווער ווייסט וואס קען זיך געבען? איך האב א זוהן א טעכנאלאג, איך האב א טאכטער וויא געזאגט מען עס, פון דער אמת'ער קאטעגאריע.

מרביאל: הא? פון וואנען איז ויא? ניט פון דער שטארט סעראקע?

יעקב: מען זאגט אייער טאכטער האט זעהר א גוטען קאפף, דאס איזט די גרעסטע מעלה, איך האב געהערט זי האט געהאט א חתן א דאקטער אז מאן און ווייב זענען געבילדעט איז טאקע א ברכה פון גאט.

ראזענבערג: וואס דארפען מיר א דאקטער? היינטיגע צייטען א סוחר מיט געלד איז מעהר סחורה, איך האב איהם ענטזאגט.

בן ציון: און מיר האט איהר געזאגט ער האט זיך אליין ענטזאגט ווייל מען האט איהם ניט געגעבען דיא צעהנטויזענד רובעל וואס מען האט איהם צו געזאגט.

ראזענבערג: ווער איך? אט וועל איך איהם געהן דערצעהלען זאלכע דיפּלאמאציעס.

בן ציון: איבער געלד? און איך האב געמיינט אז געבילדעטע מענשען מוזען זיין עדעל לייט.

ראזענבערג: אלע ליעבען אייערען עלטערען זוהן, און מיין טאכטער פערשטעהט איהר איז פון אזא קאטעגאריע.

מישע: פאפא, מיר זענען געקומען רעדען וועגען געשעפט ניט וועגען שידוכים.

ראזענבערג: און וָואס זָאגְט עֶפּיס הַזְקֵאל דַארוֹיף? עֶר הָאט יָא אַיין אויג פון אַ סוֹחֵר?

יחזקאל: וָואס אִיךְ זָאג? הֶע! הֶע! אִיךְ בִּין אַ מֶענְש וָואס אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה.

מלכיאל: עֶר קְוֶועלְט שׁוֹין דֶער שַׁאפָּאק (בן ציון, סצענע, פענסטער) וָועהט אִיהר אַז אִיהר רֶעדְט וְויא אַ סוֹחֵר, לָאזְט זִיךְ הֶערֶען.

בן ציון: (שרייט פלוצים אויס ביים פענסטער) זִיא וְיא, אוֹיךְ...

ארע: וָוער אִיז דָארְט? וָואס אִיז?

בן ציון: אִיךְ מֵיין... דִיא לְבָנָה אִיז אוֹיפְגֶעגַאנְגֶען.

מלכיאל: דוּ מְטוּרָף (לויט) קוּמְט בֶּעסֶער אַרֵיין צוּ מִיר רֶעדֶען!

(נעמט לאמפע פון טיש, ראזענבערג, מישע, מלכיאל אב. פויזע).

בן ציון: (קוקט פיאנא אין פענסטער) וָועה פֶּעטֶער, דִיא לְבָנָה שְׁווִימְט אַרוּים פון אוּנְטֶער דִיא בֶּערְג, און פֶערְגִיעסְט דִיא וָועלְט מִיט אַ וַויסֶע לִיכְט, און שְׁטִילֶע חֲלוֹמוֹת (לעגט קאפ אויף פענסטער).

יחזקאל: אוֹיב אַזוֹי דַארְף מֶען גֶעהֶען צוּ דִיא פֶערְד (אב).

יעקב: וָואס אִיז דִיר בֶּן צִיוֹן? דוּ דַארְפְסְט דַיין קָאפּ נִיט אַרָאבְלָאזֶען, דִי קְרוֹין פון אַ מֶענְשֶׁען אִיז זַיין קָאפּ, און וֶוער עֶס לָאזְט אַרָאבּ דִיעֶזֶע קְרוֹין, עֶרְנִידְרִיגְט דֶעם קֶענִיג פון אַלֶע בֶּעשֶׁעפֶּענִישֶׁען דֶעם מֶענְש דִי פֶערְד הִירְזֶשֶׁען טַאקֶע און בְּרִיקֶען זִיךְ, זַיי אָבֶּער קַייֶען שְׁטְרוֹי און דוּ בְּרוּדֶער קַייעֶסְט דֶעם רַמְבַּ״מְ׳ס מוֹרֶה נְבוּכִים, דוּ הָער בֶּעסֶער אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר אַ בְּרִיעף פון דֶער רֶעדַאקְצִיֶע, וֶועהסְט אַ גֶעדְרוּקְטֶע קָאנְוֶוערְט (גיט איהם א בריעף) ווִי אִיךְ פֶּע־שְׁטֶעה שְׁרַייבְּט מֶען דִיר אַז אָבְוָואהל דַיין רוֹסִ׳שׁ אִיז אַבִּיסֶעלֶע בִּמְחִילָה מִיט גְרַאזֶען, אָבֶער דִי פַאקְטֶען וֶוענֶען וֶועהר אִינְטֶערֶעסַאנְט, און מֶען בֶּעט דִיךְ, זָאלְסְט נָאךְ שְׁרַייבֶּען עֶס וֶועט זַיין גֶעךְ אָבְּגֶעדְרוּקְט.

בן ציון: (מיט פרייד) טַאקֶע? אָבְּגֶעדְרוּקְט? דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיעבֶּען וֶועט זַיין אָבְּגֶעדְרוּקְט. וואוּ פון אַ אֱמֶת׳ן רִיכְטִיגֶען שְׁרַייבֶּער.

יעקב: פון אַ אֱמֶת׳ן שְׁרַייבֶּער, גֶעוִוים וֶועסְט נָאךְ וֶוערֶען אַזאַ מְחַבֵּר אַז אֲפִילוּ דָא וֶועט מֶען דִיךְ שֶׁעצֶען נִיט בִּילִיגֶער פון יוּכְטֶען מִיט פִידֶעשְׁוִוים;

בן ציון: (שטיל) אַי וָואס אַרְט עֶס מִיךְ אִיצְט? דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט?

יעקב: וָואס מֵיינְסְטוּ? אִיךְ הָאבּ אַ סַךְ זַאכֶען גֶעהֶערְט?

בן ציון: איך מיין דו הערסט ווי מען שפּיעלט? דאס שפּיעלט זי ווייטער ליזאַ, זי שפּיעלט, די לבנה שיינט, אָבער פון איהר שפּיעלען געהט איצט אַ פינסטערניש, און פון דער לבנה גיעסען זיך טרויעריגע טענער, (האפט ישראל ביידע הענד) פּעטער, עס איז נישט שעהן פון מיר, איך האב געוואָלט פון דיר אָבלייגנען איך האב זי ליעב און זיי ווילען זי אָבגעבען צו יחזקאלען און איך האב זיא ליעב, אַזוי ליעב ווי אין אהבת ציון האט אמנון ליעב תמרן איך האב זי ליעב (הערט זיך צו) דיא הערסט?

די לבנה שיינט אריין עס הערט זיך בעטהאָווענס סאָנאטע בן ציון הערט:

פאָרהאַנג.

צְווייטֶער אַקְט.

א רייכער זאאל ביי ראָזענבערג, שעהנע מעבעל א פּיאנאָ) בלומען, לאמפּען ברענען.
א דיענסט ריימט).

מישע: רֵייטְשִׁיל, רוּף מִיר אַרֵיין לִיעָזָע (רייטשעל אב).

(ליעזע פון קוליסען).

ליעזע: מִישָׁע, דוּא רוּפְסְט מִיךְ? וִוי בִּיזְטוּ?

מישע: דָא בִּין אִיךְ אִין זַאאל קוּם אַהֶער.

ליעזע: עֶס פַאנְגְט זִיךְ וִויעֶדֶער אָן דֶער עֶנְזאמֶען, הַא?

מישע: זַיי וֶועלֶען בַּאלְד קוּמֶען, מֶען דַארְף דָאךְ וִויסֶען וָואס עֶס וֶועט זַיין.

ליעזע: אִיךְ וַוייס נָאךְ אַלֵיין עֶ... וָואס עֶס וֶועט זַיין, גֶעווִיס בֶּעסֶער וָואלְט גֶעוֶועזֶען מֶען זָאל גָאר נִישְׁט דַארְפֶען חֲתוּנָה הָאבֶּען. נָאר אַז מֶען מוּז הִילְפְט נִישְׁט קֵיין תְּרוּץ, מֶען מוּז גֶעבּוֹירֶען וֶוערֶען, מֶען מוּז שְׁטַארְבֶּען, מֶען מוּז חֲתוּנָה הָאבֶּען. (זיפצט).

מישע: דִי בִּיזְט צוּ קְלִיעג, צוּ זַיי סֶענְטִימֶענְטַאל, אַיינְגֶענְטְלִיךְ וָואס אִיז דֶען לִיעבֶּע?

ליעזע: לִיעבֶּע? אֵיינִיגֶע זָאגֶען עֶס אִיז דִי פָּאעֶזִיע פוּן גֶעטֶער, אַנְדֶערֶע זָאגֶען עֶס אִיז חָלָארָאפָאַרְם וָואס מֶען גִיט אֵיידֶער מֶען רֵייסְט אַ צָאהן, פוּן לִיעבֶּע רֶעד מֶען נִישְׁט, עֶס זָאל חָאטְשֶׁע זַיין אַ שְׁטִיקֶעל סִימְפַּאטִיע.

מישע: עֶר גֶעפֶעלְט דִיר נִישְׁט זֶעהר שְׁטַארְק?

ליעזע: זֶעהר שְׁטַארְק? זָאג דִי וֶועמֶען קֶען אַזַא מָאפְּס שְׁטַארְק גֶעפֶעלֶען?

מישע: לִיעזָע מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט נַארֶען, חֲתוּנָה הָאבֶּען הֵייסְט מַאכֶען אַ גוּטֶען זִיכֶערֶען אוּן פְּרַאקְטִישֶׁען גֶעשֶׁעפְט פִיר עֶווִיג, דֶעם גֶעוֶועזֶענֶעם הָתָן דֶען דָאקְטָאר הָאסְטוּ בֶּעדַארְפְט צִי צוּ צָאהלֶען, דִי הָאסְט אִיהם גֶעלִיעבְּט אוּן עֶר הָאט דִיךְ אָבְּגֶענַארְט, אוּן דָא אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶעהרְט, דֶער וָועט דִיךְ פֶערְגֶעטֶערֶען אוּן דִיר וֶועט זַיין גוּט, וָוארֶען גְלִיקְלִיךְ אִיז

נור דיא פְרוֹי וָואס אִיז קְלֶיגֶער אָדֶער שְׁטַארְקֶער אִין חַארַאקְטֶער פוּן אִיהר מַאן, הַיינְט פֶערְגֶעס נִישְׁט אַז דָארְט שְׁטֶעקְט אַ קַאפִּיטַאל פוּן אִיבֶּער 200 טוֹיזֶענְד רוּבֶּעל, דָאס גֶעלְד וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ אִיהם וָוארֶען דֶער צְוַויישֶער בְּרוּדֶער אִיז אַ פְּסִיכָאפַּאט, אַ פַאנְטַאזִיעֶר, דוּ בִּיזְט פֶערְזָארְגְט אוֹיף עֶבִּיג. אוּן אוֹיסֶערְדֶעם וֶועסְטוּ הֶעלְפֶען דֶעם פָּאפָּא לִיקְוִוידִירֶען זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטֶען. אוּן מִיר וֶועסְטוּ הֶעלְפֶען צוּ מַאכֶען דֶעם עֶרְשְׁטֶען שְׁרִיט פוּן מַיינֶע קַארִיעֶרֶע! דוּ נֶעהם דָאס אַלֶעס צוּזַאמֶען אוּן בַּארֶעכֶען.

ראזענבערג: (מיט צייטונג) מִישֶׁע, לִיעֶע, גֶעוַואלְד, אַ קָארֶעשְׁפֶּענְדֶענְץ אָבְּגֶע־דְרוּקְט פוּן אוּנְזֶער שְׁטָאט סַארַאטָאוו אִין דֶער אָדֶעסֶער צַייטוּנְג, אַ פַּיעֶרְלְיעֶטָאן, אַ גַאנְצֶע קָאמֶעדְיָע־שְׁפִּיל!

מישע }
ליעזע } וָואס שְׁרַייבְּט מֶען?

ראזענבערג: לֵיינֶען אִיהם, מֶען מֶעג זַיין גֶעפֶערְלִיך, אַז וָואס עֶס וֶועט זִיךְ אַבְּשְׁפִּילֶען אִין שְׁטֶעטְל.

ליעזע: אִיךְ מַיינֶע דָאס הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען אַ מֶענְשׁ וָואס הָאט בְּלוֹיז אִין זַיינֶע אָרֶעמֶען גֶעזֶעהן פַאל מִיט פַייעֶר.

מישע: רֶעדְסְט ווִיא אַ קִינְד, וֶועלְכֶער אִיגְנָארַאנְט, וֶועלְכֶער גְרָאבֶּער יוּנְג, וֶועלְכֶער וְשׁוּלִיק, שְׁרַייבְּט נִישְׁט אִין דִי צַייטוּנְגֶען? (מען קלינגט).

ראזענבערג: וֶוער אִיז דָאס? (קוקט אין פענסטער) יְחֶזְקֵאל, דָאס אִיז גֶעוִויס מִסְתָּמָא גֶעקֶעמֶען אַ דֶעמָאנְסְטְרַאצִיעֶ וֶועגֶען דֶער צַייטוּנְג.

ליעזע: קוּמְט עֶר אִיצְט אָפִּיצִיעֶל, אוּן אִיךְ דַארְף פַאר אִיהם אָפִּיצִיעֶל עֶר־שַׁיינֶען אָדֶער קוּמְט עֶר נִישְׁט אָפִּיצִיעֶל אוּן אִיךְ דַארְף נִישְׁט אָפִּיצִיעֶל זִיךְ אָבְּטְרָאגֶען.

מישע: ווָאס פַאר אַ צֶערֶעמָאנִיעֶס עֶר אִיז אַיין אַיינְפַאכֶער גוּטֶער קֶערְל.

ראזענבערג: ווָאס פַאר אַ צֶערֶעמָאנִיעֶס מִישֶׁע אִיז גֶערֶעכְט, אָ וֶועמֶען הָאבּ אִיךְ דִי עֶהְרֶע צוּ זֶעהֶען?

(אויפטריט יחזקאל).

ליעזע: אִיךְ הָאף נִישְׁט אִיךְ, נָאר דִיא צַייטוּנְג הָאט אַיךְ גֶעבְּרַאכְט אָ פְרִיה אַהֶער?

מישע: אַ נִיעֶרְעֶרְטֶעבְטֶע גֶעמַיינֶע שְׁמִיעֶרֶעריי.

יחזקאל: וָואס אִיז? אִיךְ לֵייעֶן זֶעהר זֶעלְטֶען. אִיךְ בִּין אַ מֶענְשׁ וָואס אִיךְ צֶעהל מֶעהר נָאר דֶער וָואס הָאט נִישְׁט וָואס צוּ צֶעהלֶען, דֶער לֵייעֶנְט. (נעמט די צייטונג) וָואס אִיז עֶס עֶפֶּעס?

מישע: (שטיל) עֶר אִיז גָאר נִישְׁט אַזוֹי אַנְטִיפַּאטִישׁ, אוֹיף מֵיין וָוארְט, אוּן וֶוען דִי וֶועסְט אִיהם נֶעמֶען אִין דַיינֶע הֶענְד, וֶועסְטוּ מַאכֶען פוּן אִיהם אַ מֶענְשׁ...

ליעזע: אַז עֶס זָאל זַיין אַזוֹי גְרִינְג פוּן יֶעדֶען צוּ מַאכֶען אַיין מֶענְשׁ, וָואלְטֶען אַלֶע מֶענְשֶׁען גֶעוֶועזֶען מֶענְשֶׁען.

יחזקאל: (טרויריג) הֶע! וִוי עֶרְלוֹיבְּט עֶס דִי רֶעגִירוּנְג אַזֶעלְכֶע זַאכֶען צוּ דְרִיקֶען דָאס וֶועט דֶעם אַלְטֶען מְשׁוּגָע מַאכֶען, עֶר וֶועט קְרִיעכֶען אוֹיף דִי וֶוענְד, אִיהר וַוייסְט. עֶס אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶעשִׁיכְטֶע אִיהם קֶען אָנְשְׁפַּארֶען דֶער מְשׁוּגַעַת מֶען זָאל גָאר אָבְּלֶעגֶען. אוּן אִיךְ הָאבּ לִיעבּ גֶעפֶעלְט דִיר אַ גֶעשֶׁעפְט אָבְּגֶעמַאכְט אוֹיף דֶען פְּלֶעק, מֶען דַארְף זֶעהֶען דֶער אַלְטֶער זָאל נִישְׁט וִויסֶען בִּיז מָארְגֶען. אוֹיבּ אִיהר וִוילְט בְּרֶענְג אִיךְ זֵיי אַלֶע בַּאלְד צוּ טַאסְקֶען. אַלֵיין לֶעזְט עֶר נִישְׁט, אוּן מִיר אַלֶע ווֶעלֶען שְׁווַייגֶען בִּיז מָארְגֶען, אוּן מָארְגֶען מֶעג עֶר שְׁפְּרִינְגֶען בִּיז צוּ דֶער סְטֶעלִיע, מֵיין קָאפְּף, הַא?

מישע: זֶעהסְט וָואס פַאר אַ פְּרַאקְטִישֶׁע, לָאגִישֶׁע, אוּן גֶעשֶׁעפְטְסְמֶעסִיגֶע אַיינְפֶעלֶע?

יחזקאל: אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה וָואס אִיךְ רֶעד, אִיךְ בִּין נִישְׁט דֶער מֶענְשׁ וָואס רֶעט גְלַאט אַזוֹי...

ראזענבערג: עֶס אִיז אַיין אוֹיסְגֶעצֵייכְנֶעטֶער שְׁטְרַאטֶעגִישֶׁער פְּלַאן. אִיהר גֶעהט אַזוֹי... שׁוֹין אוּן בְּרֶענְגְט זֵיי אַלֶע אַהֶער.

יחזקאל: יָא מֶען דַארְף פֶערְטַייצֶען דֶעם אַלְטֶען, אִיךְ גֶעה שׁוֹין... אִיךְ בִּין אָבֶּער גֶעקוּמֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט וָואס זָאגֶען.

מישע: אִיהר וִוילְט אֶפְשָׁר בְּלֵייבֶּען מִיט מֵיין שְׁוֶועסְטֶער אַלֵיין.

ראזענבערג: נָא יַא, יוּנְגֶע לַייט אַ קָאנְסוּלְטַאצִיע (ביידע ווילען געהען).

ליעזע: נַיין נַיין, מִישֶׁע, נַיין פַּאפַּא, וָואס פַאר אַ סֶעקְרֶעטֶען הָאבּ אִיךְ דֶער־וַוייל מִיט דֶעם הֶערְן יְחֶזְקֶאל גַארְבַּארְנִיקָאוו אַז אִיךְ זָאל דַארְפֶען בְּלֵייבֶּען אַלֵיין (אפארט) אוֹי אַז אִיךְ דֶערְמַאן מִיךְ אַז אִיךְ וֶועל וֶוען ס׳אִיז מִיט אִיהם בְּלֵייבֶּען אַלֵיין.

יחזקאל: עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין סוֹד, דֶער טַאטֶע זָאגְט אַז אָהן נַדָן ווִיל עֶר נִישְׁט. און אַז עֶר ־עַקְשְׁנְט זִיךְ אַיין מֶעגְט אִיהר אִיהם אֲפִילוּ אַ קְלֵיין שְׁלָאגֶען אִין קָאפּ אַרַיין אָבֶּער ווִי בִּין אִיךְ מִיט מַיין קָאפּ? בִּין אִיךְ אַייךְ גֶעקוּמֶען זָאגֶען, אַז עֶס וועט זִיךְ אָנְהֵייבֶּען הַאנְדְלֶען, וָואס הַארְט אַייךְ זָאגְט צִי 5000 רוּבֶּעל נַדָן!

ראזענבערג: וָואס הֵייסְט? וָואס הַארְט מִיךְ? עֶרְשְׁטֶענְס דַארְף מֶען דָאךְ הָאבֶּען. צְווייטֶענְס אִיךְ זָאל נָאךְ צוּ צָאהלֶען?

יחזקאל: אִין קָאמֶערְצִיעֶ ווִיסֶען מִיר אַז צוּ זָאגֶען אִיז נִישְׁט שְׁווער, און טָאמֶער הַאמְפֶּערְט עֶר זִיךְ אַיין, עֶר ווִיל מְזוּמָן, אִיז נִישְׁט גֶעפֶעהְרְלִיךְ אִיךְ וועל זִיךְ גֶעבֶּען נַדָן פוּן מַיין קֶעשֶׁענִיעֶ, אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעזָאגְט אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין שְׁלִימַזאלְנִיק.

ראזענבערג: דוּ הֶערְסְט עֶר אַלֵיין הָאט אִיךְ גֶעלֶדֶ.

יחזקאל: אִיךְ בִּין אַ שְׁטִילֶער שׁוּתָף צוּם טַאטֶענְס גֶעשֶׁעפְט, הָאבּ אִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט גֶענוּמֶען פוּן טַאטֶענְס גֶעשֶׁעפְט. אַמָאלִיגֶע צֵייטֶען הָאט מֶען זִיךְ גֶעשֶׁעהמְט, אָבֶּער אִיךְ בִּין פוּן הַיינְטִיגֶע מֶענְשֶׁען און אִיךְ זָאג אַז מֶען נֶעמְט אַ זַאךְ צ. ב. אַ פְרוּמֶער, אַ כַּלָה וָואס גֶעפֶעלְט מֶעג מֶען בֶּעצָאהלֶען.

ריעזע: און דִי זַאךְ וָואס גֶעפֶעלְט בִּין אִיךְ, נִישְׁט וַואהר?

יחזקאל: וָואס דֶען? אִיךְ הָאבּ מִיךְ שׁוֹין בֶּערִיהמְט פַאר אַלֶע פְּרִיקַאזְשְׁ־ווִיקֶעס אַז אִיךְ נֶעם רָאזֶענְבֶּערְגְס טָאכְטֶער, און בִּין דֶערְפַאר גֶעקוּמֶען זָאגֶען טָאמֶער בְּרֶעקֶעלְט זִיךְ דֶער טַאטֶע, גִיט אִיהר מִיר נַדָן וָוארֶען עֶס אִיז טַאקֶע אַ בִּזָיוֹן, אִיךְ בִּין אַ מֶענְשׁ וָואס בִּין וָוערְטה נַדָן. אִיךְ כוֹיף צוּם אַלְטֶען. אַדְיֶע, אַדְיֶע. (אב).

ראזענבערג: נָא וָועהסְט שׁוֹין וָואס פַאר אַ דוּרְכְגֶעטְרִיבֶּענֶער יוּנְג עֶס אִיז?

ליעזע: יָא. אִיךְ מַיין אָבֶּער עֶס וָואלְט גֶעוועזֶען בֶּעסֶער, עֶר זָאל זַיין אַיין אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּענֶער יוּנְג.

מישע: אַ פְּרַאקְטִישֶׁער מֶענְשׁ אִיז אַ רֶעאַלִיסְט דֶערְפַאר קוּמְט בַּיי אִיהם אַרוֹיס דִי וַואהְרְהֵייט אַבִּיסֶעלֶע צוּ גְרָאבּ, עֶר מַאסְקִירְט זִיךְ נִישְׁט ווִי דִי פַאנְטַאזִיסְטֶען. פַּאפַּא, טָאמֶער קוּמְט הַיינְט צוּ רֵייד וֶוענֶען דֶעם קָאנְסָאלִידִירֶען פוּן אוּנְזֶערֶע גֶעשֶׁעפְטֶען וָואלְטֶען מִיר בֶּעדַארְפְט הָאבֶּען אַ קְלָאהרֶען פְּלַאן, קוּם אַרַיין אִין קַאנְטוֹר אוֹיף אַיינֶער מִינוּט.

ראזענבערג: יאַ די קאָנסאָלידאַציע די דאַרף מען איבערבייטען קאָטעגאָריטשעסקי (ביידע אב).

ליעזע: מען זאָגט אַז מען קוקט זיך צו, און מען געוועהנט זיך צו. צו אַ טייפעל ווערט זאָגאר דער טייפעל סימפּאַטיש. מיר וועלען זיך פּריוועז צו קוקען און צו געוועהנען. שטאַרק ברעקלען זיך ווי עס וועהט אוים טאָר איך נישט. זיין נדן האָב איך נישט. וואָס איז אַ מיידעל אָהן נדן... גאָר נישט נדן אָהן אַ מיידעל מיט דעם קענען זיי זיך שוין בעפּריעדיגען דעם טאַטענס געשעפטען זעגען אַ פּנים נישט זעהר גלענצענד, און פון מיר האָט זיך שוין אַ געלערנטער דאָקטאָר אָבגעזאָגט, נור די וויסענשאַפט וויל נישט מוז מען זיך ווענדען צו דער קאָמערציע, אוי וואָס פאַר אַ שווערער שטיין עס ליעגט ביי מיר אויפ'ן הערצען. (זעצט זיך צו פּיאַנין שפּיעלטן).

בן ציון: ענטשולדיגט, איך בין אַריין געגאַנגען האָט איהר געשפּיעלט האָב איך נישט געוואוסט וואָס צו טהון צו אַוועק געהן, צו זאָגען אייך...

ליעזע: אָה, אונזער פּאָעט! פאַר וואָס וועהט מען אייך נישט די לעצטע צייט, זיצט.

בן ציון: איך וואָלט איצט אויך נישט געקומען ווען איך זאָל נישט דאַרפען רעדען מיט אייך, ווי איך פערשטעה קען זיין אַז איהר וועט ווערען מיין ברודערס כלה.

ליעזע: אַזוי ווייזט עס אוים מיין ליעבער גוטער פּאָעט און יונגער פריינד.

בן ציון: איהר רעדט צו מיר גלייך ווי איך בין אַ קינד, און איהר זייט איין אַלטער מענש.

ליעזע: אַ מאַן פון צוואַנציג יאָהר איז נאָך אַ יונגעל, אַ פרוי אין צוואַנציג יאָהר איז שוין אַ פאָלקאָמען ענטוויקעלטער מענש. מיר ענטוויקלען זיך גיכער אין פערוועלקען שנעלער.

בן ציון: קענט איהר גוט מיין ברודער? קענט איהר גוט דעם מענשען וואָס איהר ווילט אָבגעבען אייער לעבען?

ליעזע: ווען מענשען זאָלען זיך קענען פאַר דער חתונה וואָלט גאָר גוט געוועזען, אַזוי איין מענש ווי איהר איז שווער צו קענען. איהר זייט איין בוך מיט אַ פערפלאָנטעטען אינהאַלט, אייער ברודער אָבער איז אַ קראַנטער בוך, אויף יעדען בלעטעל איז געדרוקט איינס אין דאָס

װעלבּע, דעבּיט, קרעדיט, אונטען דער באַלאַנס, מען זאָגט דער באַלאַנס איז גוט, איך האָב נאָך ניט אַריין געקוקט.

בן ציון: הייסט עס, איהר נעמט ניט יהוקאַליען, איהר נעמט דען באַלאַנס איך גלייב ניט.

ליעזע: איך מיין ער איז איין איינפאַכער מענש, מיט אַ רוהיגען איין געשטעלטען כאַראַקטער, מיט זיכערע מיטעלן צו לעבען, לאָמיר פערקעהרט צום בייספּיל נעמען איך, אייער כאַראַקטער איז נאָך ניט פאָרמירט, איהר זייט איין אידעאַליסט אָהנע בעשטימטע אידעאַלען, אַ פּרעדיגער אָהן אַ בעל אמיר, איהר זענט אַ מלמד אָהן אַ חדר, איהר זייט אַ קליינער יודישער האמרעט.

בן ציון: נאָך וואָס לאַכט איהר פון מיר, מיר טהוט וועה.

ליעזע: איך וויל אייך ניט וועה טהון, איך וויל אייך נאָר זאָגען, אַז יעדער מענש מוז עפּעס טהון, יאָ טהון און ניט רעדען.

בן ציון: הייסט עס, איהר מיינט איך אַז טהון הייסט נאָר קויפען פעל און מאַכען קליידער?

ליעזע: פאַר וואָס? עס איז דאָ פערשיעדענע טהעטיגקייטען, צ. ב. היינט איז געדרוקט אין דער צייטונג פון אָדעסאַ איין אַרטיקעל פון סאַראַקאַ איהר האָט עס געלעזען?

בן ציון: ניין, דאָס ליעגט מיר אצינד וועניג אין זין, איך פיעל איך רעד היינט אפשר צום לעצטען מאָל מיט אייך, איך זאָל זיך ניט שעהמען וואָלט איך אַצינד אָנגעהויבען וויינען און שרייען, אוי ווען מענשען זאָלען וויסען און זאָלען זאָגען די וואָהרהייט.

ליעזע: אַלזאָ איהר ווילט די וואָהרהייט? דאַן זאָלט איהר וויסען בן ציון אַז איך ליעב אייך אין די וואָהרהייט געזאָגט אַז איהר געפעלט מיר טויזענד מאָל מעהר ווי אייער ברודער.

בן ציון: אָה ליעזע, דאָס וואָס איהר האָט מיר איצט געזאָגט איך וואָלט עס אייך קיינמאָל ניט געקענט זאָגען.

ליעזע: איך האָב שוין געליעבט אַמאָל צוויי יאָהר, נאָר אַז מען האָט איהם ניט בעצאָהלט קיין צעהן טויזענד רובעל האָט ער מיר ניט געוואָלט ערלויבען איך זאָל איהם נאָך ליעבען.

בן ציון: דאָס איז אַ געמיינהייט, איך האָב ניט געוואוסט אַז געלערנטע מענשען טהון געמיינהייטען צו ליעב געלד.

ליעזע: מיר זענען ניט קיין מלאכים, מען ווערט עלטער און מען ווערט קליענער אָדער פערדאָרבען, און מען הייבט אָן רעכענען יאָ אמת וואָס וועל איך טהון צ. ב. אויב בן ציון וועט אַ מאָל קריגען אַזוי פיעל בעשלאָסענהייט אַז ער וועט ניט מורא האָבען קומען און זאָגען ליעזע איך האָב דיך ליעב. ווילסט זיין מיין פרוי? ווייסט איהר וואָס איך וואָלט געענטפערט? ניין! וואָרום די גאַנצע וועלט וואָלט לאַכט און פעראַכטעט אייך, וואָרען מיין חתונה וואָלט געווען אַ פּראָטעסט געגען יעדען און געגען אַלעמען, וואָרען איך וואָלט בעדאַרפט וועהר אָפט אייך שטיצען, און פון אייך וועהר וועלטען שטיצע קריגען, וואָרען איך וואָלט בעדאַרפט אייך שטענדיג מעהר בעדויערען ווי אַכטען. און וועה צו דען מאַן וואָס דאַרף פון זיין פרוי בעדויערט ווערען, צו ליעבען אַ מאַן איז ווייניג, מען דאַרף איהם קענען אַכטען.

בן ציון: הייסט, איהם וועט מען קענען אַכטען?

ליעזע: ניין, אָבער איהם קען מען זיך פערטרויען.

בן ציון: (שטעהט אויף) אַלזאָ איך זעה אַז איך מעג שוין געהן, איך האָב מורא, איך בין אַ פּנים נישט אַזא מענש, ווי אַלע מענשען, איך דענק פון אַנדערע מעהר ווי פון זיך, און די אַלען אַנדערע האָבען מיך פיינד דערפאַר. אוי ווען איך זאָל האָבען אַ פריינד וואָס זאָל מיר אויסשטרעקען זיין האַנד, איך בין אָבער אַליין, איך בין איינער אַליין...

(פערדעקט זיך געזיכט, ווייגט שטיל, **ליעזע** געהט צו פּיאַנע נעמט אַקאָרדען, עס הערט זיך ראָזענבערג'ס שטימע).

(אויפטריט ראָזענבערג, ישראל יעקב, חוה).

ראָזענבערג: וואָס פאַר אַ צערמאָניעס, מיר האַלטען זיך ניט גרויס, דאָס איז מיין טאָכטער שפּיעלט פּיאַנאָ און פאַרלעווא פראַנצעסע. אָה בן ציון איז אויך דאָ? נו, ווי איז אייער אַפּאַרטוס, נאָך אַלץ ניט אין אָרדנונג? צייט ווערען אַ מענש, זיטצט...

ישראל יעקב: דאָס איז אייער טאָכטער? די גרעסטע גאַבע פון גאָט, אָדער ווי אַנדערע מיינען פון דער נאַטור איז שכל ווער רעדט נאָך אַז אַ יודענע האָט שכל איז גאָר אַ זעלטענהייט.

חוה: דֶער גַאנְצֶער שֵׂכֶל אִיז בַּיי דִי מַאנְסְבִּילְעֶן, דֶערְפַאר פִיהְרֶען מִיר זַיי בַּיי דִי נֶעזֶער.

ישראל יעקב: לָאמֶער זִיךְ נִיט קְרִיגֶען בַּיי פְרֶעמְדֶע מֶענְשֶׁען אִין שְׁטוּב.

היה: אֶהָא, דוּ הָאסְט מוֹרָא, נוּ טְשֶׁעפֶּע מִיךְ נִיט, וֶועל אִיךְ דִיךְ אוֹיךְ נִיט טְשֶׁעפֶּען!

(אויפטריט ליעזע)

ליעזע: אָה גֶעסְט? עֶס פְרֵייט מִיךְ זֶעהר וָואס אִיהר זֶענְט גֶעקוּמֶען.

חוה: אוּן וִוי גֶעפֶעלְט אַייךְ דֶער פַאסַאן פוּן מַיין נַייעֶר פְלַאיְרִין? פּוּנְקְט וִוי דִי פַיינְסְטֶע מָאדֶע, אִיהר וֶועט דָאךְ מִסְתָּמָא נִיט פֶערְאִיבֶּעל הָאבֶּען וָואס אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אָהן הֶענְטְשְׁקֶעס, דָאס אִיז מַיין מַאן שׁוּלְדִיג עֶר וִויל נִיט זַיין קַיין לִיסְטָאקְרַאט.

ליעזע אִיהר מַאכְט חוֹזֶק פוּן דִיא לִיסְטָאקְרַאטֶען הַא?

חוה: אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט מִיר וֶועלֶען טְרֶעפֶען אַיין אָנְגֶעבְּלָאזֶענֶע, צוּם סוֹף אִיז זִי אַזוֹי גוּט אַ מֶענְשׁ וִוי אַלֶע מֶענְשֶׁען (מען קלינגט).

ראזענבערג: (געהט צור טיער) וֶוער אִיז דָאס? אָ גֶעסְט.

(אויפטריט יחזקאל, פרומע).

ראזענבערג: אַלֵיין גָאר? אוּן וואוּ אִיז אוּנְזֶער פְרֵיינְד ר׳ מַלְכִּיאֵל?

מישע: אָה גֶעסְט, אוּן וואוּ אִיז דֶער פַּאפַּא?

יחזקאל: מִיר הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין גֶעקְלִיבֶּען גֶעהְן אַ הֶער, אִיז מֶען אִיהם גֶעקוּמֶען רוּפֶען צוּם אִיסְפְּרַאוְונִיק (שטיל) מִיר הָאבֶּען נִיט גֶעוואַרְט אוֹיף אִיהם, וָוארֶען אַז עֶר וֶועט פוּן אִיסְפְּרַאוְונִיק קוּמֶען אֶפִילוּ אַ מְשׁוּגָעְנֶער, וֶועט עֶר מוּזֶען אַ הֶער גֶעהְן אַז מִיר זֶענֶען דָא, אִיהר פֶערְשְׁטֶעהט וִוי אִיךְ הָאבּ עֶס אָבְּגֶעמַאכְט מִיט מַיין קָאפּ?

פרומע: אַז דֶער אַלְטֶער אִיז נִיט דָא מֶעג אִיךְ זָאגֶען אַזַא שִׁדוּךְ אִיז פַאר אוּנְז זֶעהר אַ גְרוֹיסֶער כָּבוֹד, אוּן יְחֶזְקֵאל נַגָב אִיז אוֹיף דֶען זִיבֶּענְטֶען הִימֶעל דֶער רוּחַ שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל גֶעמְט אִיהם נִיט בֶּן צִיוֹן, דוּא בִּיסְט שׁוֹין דָא? פַארְוָואס הָאסְטוּ דִיךְ נִיט אָנְגֶעטְהוּן?

יחזקאל: מַאמְזֶעל רָאזֶענְבֶּערְג, אִיךְ הַאבֶּע דִי עֶהְרֶע אֵייךְ צוּ רֶעקָאמַאנְדִירֶען מַיינֶע מַאמֶע מַאדַאמֶע פְרוּמֶע גַארְבַּארְנִיקָאווּ.

חוה: מֶען וַואקְסְט אוֹיס אִין אַיין שְׁטָאדְט מֶען קֶען זִיךְ צְוַואנְצִיג יָאהר, אוּן דָאךְ כָּל זְמַן מֶען רֶעקָאמַאנְדִירְט נִיט, טָארְף מֶען זִיךְ מַאכֶען אַז מֶען קֶען זִיךְ נִיט. יִשְׂרָאֵל יַעֲקֹב, עַל פִּי דִין בִּין אִיךְ מִיט דִיר נָאךְ נִיט בֶּע־

קאַנט פּירצינג יאָהר נאָך אונזער חתונה און מיר זענען ניט רעקאָמאַנ־
דירט.

ישראל יעקב: חוה, האָסט ניט וואָס צו לאַכען! דאָס רעקאָמאַנדירען
דוקא איז זעהר אַ קלינער מנהג, אַ יוד למשל ווערט באַלד אַ גאַנצער
ר׳ שמעלקע, מיט דיר עסט די קאַשע, שפּייט ער דיר אין דער קאַשע,
האָסטו אַ טאַביק פּישקע, שמעקט ער ביי די טאַבעקע, טראָגסטו
ברילען, מעסט ער אָהן די ברילען, זינגסטו ווערט ער ביי דיר באַלד
אַ משורר. דאָס רעקאָמאַנדירען איז דאַרויף, איך מעג דיך טאַקע קענען,
אָבער טאָמער וויל איך ניט זיין בעקאַנט מיט דיר. קריך ניט און זיי
ניט מיט מיר קיין מחותן.

חוה: איז דאָך טאַקע אַ קשיא, פאַר וואָס ביסטו מיט מיר אַזאַ מחותן?

ראָזענבערג: (שטעלט פאָר מישע) איהר זעהט דאָס איז מיין אינזשיניער
טעכנאָלאָג אַ געבילדעטער מענש האַ? עס קאָסט גענוג געלד אַזאַ
בילדונג אָבער געבילדעט איז ער קאַטעלאַריטשעסקי.

בן ציון: געוויס מעהר בילדונג פון מיר און פון מיין ברודער.

יחזקאל: איך בין געבילדעט וויפיעל איך דאַרף, נו און דיך האָט מען
ווייניג געבילדעט?

בן ציון: וויפיעל מיין בילדונג קאָסט ווייס איך. און וואָס דיין בילדונג
קאָסט דאָס וועלען אַנדערע אָבשעצען.

יחזקאל: מאַמע, דו האָסט נאָך ניט געהערט ווי מאַמזעל רעזענבערג
שפּיעלט פּאַרטעפּיאַן?

בן ציון: אַ ליעב האָבער פון מוזיק.

ראָזענבערג: ליעזע וועט אונז וואָס שפּיעלען עס איז די קלאַסישע און ראָ־
מאַנטישע מוזיקע, איהר קענט דעם קאָמפּאָזיטער הערר בעטהאָווען.

יחזקאל: מוסיע בעטהאָווען? איך האָב איהם קיינמאָהל ניט געזעהען.

בן ציון: האָסט קיינמאָהל ניט געקויפט קיין פעל ביי בעטהאָווען?

מישע: עס איז איין אומגליק מיט די האַלבגעבילדעטע מענשען האָבען זיך
אָהן אין אַ וועלכע נעהמען ווי בעטהאָווען, כפּענסטער, באַקעל און
פלאַקערן, אַ וועלט.

ראזענבערג: דער עיקר איז סיסטעמאטישע אקאדעמישע ציוויליזאציאן.
(ליעזע שפיעלט).

ישראל יעקב: (שטיל) בן ציון פאלג מיך גייע א היים בעסער, איך פערשטעה ווי דיר איז געבענקט אין דעם הערצען, אבער וואס איז די פעולה דו מאכסט דיך נאר אליין צום נאר.

בן ציון: ניין פעטער איך קען ניט אהיים געהען, מיר ווילט זיך איצט עפיס צערייסען, אדער צערבערעבען, אדער מען זאל מיך שלאגען.

חוה: (ביי דער פיאנא) ביסט א כלי-זמר'קע אויך? וועה נאר אונזער מחותנת'טע מלכה? מלכה, סקאצעל קומט.

מלכה: בעל הבית'טע יחזקאל, דער אלטער איז געקומען אהיים מיט דעם ריכטיגען שגעון. ער האט איבערגעקערט א בענקעל, אראב געשלעפט דאס טישטיך מיט די לאקשען פון דעם טיש, און איז אין גאנצען שווארץ ווי זאגט מען דאס ווי די נאכט ווען די יודען האבען געטאפט אין מצרים.

חוה: דו הערסט וואס פאר א למדן די איז, זי ווייסט אפילו וואס די יודען האבען געטהון אין מצרים.

פרומע: בילבע ניט מלכה און געה א היים וועסט מיר דערצעהלען שפעטער.

מלכה: שפעטער, דער בעל הבית האט געזאגט איהר זאלט באלד אלע געהען א היים, ווארען אז ער וועט קומען וועט ער אייך אבשפיעלען א חתונה אן כלי זמר.

יחזקאל: מלכה, געה א היים זאג דעם טאטען אז עס איז ניט שעהן, מיר וועלען היינטיגע מענשען.

(אויפטריט מלכיאל)

מלכיאל: מחותנים א היים, די מיטט אלע א היים!

ראזענבערג: ר' מלכיאל אבער אין נאטעם ווילען.

מלכיאל: נאטעם ווילען שמאטעם בריליען, וואס איז, איהר ווילט אריין נארען דעם בעער אין זאק אריין, און א מכה ווילט איהר ניט. יחזקאל וועהסטו די גאזעטע, דער איספראווניק האט זי מיר ערשט געשיקט אין מארדע אריין און געשריען, נו פרעס מלכיאל.

מייטע: דאס איז ווירקליך צו בעדויערן, אבער וואס ווענען מיר שולדיג?

מלכיאל: העֶרסטו א חוצפה? ווער דען קען דא אין סאראקע שרייבען אז נישט דער אינזשעניר טעכנעקאג, האסט מיר ניט געזאגט די זעלבע זאך פאר צוויי וואכען שבת צו נאכטס ווענען דעם טייך סאניטארייע שווייניטארייע, אהיים...

ישראל יעקב: שא, דו ביסט טאקע מלכיאל תיכף א בער, מעגסט דאך זיין א מאל א מענש אין...

ראזענבערג: ווי פאלט אייך איין, מיר וועלען שרייבען איצט וועט מיר וועלען מיט אייך מאכען.

מלכיאל: איהר וועט מאכען מיט דער נשמה, איך מאך מיט אייך גאר נישט, מילא איהר האט געשריעבען דען איספראווניק אז איך קויף פאר פעסטעטע פעלען האפט אייך דער רוח איז נאך א חבר, אבער אין די גאזעטען פאר דער גאנצער וועלט מחרף ומגדף זיין דען נאמען יוד, הער ראזענבערג, איך בין טאקע איין אויפגעקלערטער, אבער א יוד, מיינע נאציאן איז ביי מיר טייער, או ווען איך זאל געפונען דעם לומפ וואס האט דאס געשריעבען, וואלט איך איהם ווי א הונד גע־שלעפט צום איספראווניק.

יחזקאל: מאמע, אויב איצט ניט, איז קיינמאל ניט, די גאנצע וועלט ווייסט, אלע פריקאזשטשיקעס וועלען לאכען פון מיר.

פרומע: מלכיאל לעבען, אפשר וואלסטו אויסגיהערט וואס מענשען זאגען.

מלכיאל: די מענשען דא מעגען אלע פערשטימט ווערען, וויפיעל מאל דארף איך זאגען מען זאל געהען א היים? (אלע געהען) אינזשעניר, שמישעניר, דער גרעסטער האנטיסעמיט דער גרעסטער רשע וואלט דאס ניט געטהון, הערוים הערוים!

בן ציון: טאטע, ניט ער האט געשריעבען אין די גאזעטען, און צוליעב דעם אליין דארפסטו נאך דעם שידוך ניט צו שטערען, איך ווייס ווער עס האט דעם ארטיקעל געשריעבען!

אלע: ווער?

בן ציון: דעם ארטיקעל האב איך געשריעבען, אט האסטו אפילו דעם בריעף פון דער רעדאקציע.

מישע: (נעמט א בריעף) נו גֶעווִיס עֶר, קֶען קֵיין צְווֵיי וֶוערְטֶער נִיט אוֹיסְלָעזֶען, אַ שְׁרַייעֶר.

יחזקאל: (לעזט דעם בריעף) טַאקֶע עֶר, אוֹי פֶערְשַׁרְפְ׳עט זָאל עֶר וֶוערֶען דֶער מְטוֹרָף, אַ מֶענְשׁ הַא?

ראזענבערג: אַזַא דִיפְּלָאמַאצִיֶע, פוּי שַׁאנְדֶע.

מלכיאל: עֶר הָאט גָאר גֶעשְׁרִיעבֶּען? אִיי אִיךְ וֶועל דָאס נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטֶען דִי מְטוֹרָף, בִּיזְט גָאר אַ שְׁרַייבֶּער אִיךְ? אִיצְט קֶען אִיךְ גְלֵייבֶּען אַז צוּ דֶעם אִיסְפְּרַאווְנִיק הָאט אוֹיךְ עֶר גֶעשְׁרִיעבֶּען. גֶעדֶענְקְסְט יְחֶזְקֵאל דַיינֶע רַייד וֶועגֶען דֶעם בְּהֵמָה'לֶע?

ראזענבערג: גֶעווִיס אַ מֶענְשׁ וָואס שְׁרַייבְּט אַיינְס, שְׁרַייבְּט אוֹיךְ דָאס צְווֵייטֶע.

בן ציון: דָאס אַרְטִיקֶעל הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעשְׁרִיעבֶּען, אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט גֶעשְׁרִיעבֶּען צוּם אִיסְפְּרַאווְנִיק קֶען קֵיין אֱמֶת נִישְׁט זָאגֶען, דֶער שְׁוַויגְט אַצִינְד.

מלכיאל: וָואס טְהוּט זִיךְ דָא? אַז אִין שְׁטִיעבּ שְׁטֶעהט אַ סַךְ לִיעגְט אִין קֶעשֶׁענֶע וֶועגִיג, און ווי איז דָאס בַאמֶערְקֶען? סְחוֹרָה ווי גָאלְד, יְחֶזְקֵאל לָאפַּאק הָאט שׁוֹין שְׁ‍עֶנְדִיג אַזַא טְרֵפָה גְלִיק, הַאנְדֶעלְט מְצִיאוֹת, און דִי מְטוֹרָף אַהֵיים, מִיט דִיר וֶועל אִיךְ מִיךְ שׁוֹין אִין דֶער הֵיים אָבְּרֶעכְ-נֶען שְׁפֶּעטֶער, דֶערְהַרְגֶ׳עֶען דַארְף מֶען דִיךְ, דֶערְהַרְגֶ׳עֶען אִיז נָאךְ וֶוענִיג, לֹא יִצְלָח, פֶּרֶא אָדָם! נָאךְ וָואס הָאסְטוּ דָאס גֶעשְׁרִיעבֶּען?

בן ציון: אִיךְ הָאבּ גֶעווָאלְט אַז דִי וֶועלְט זָאל ווִיסֶען דֶעם אֱמֶת.

מלכיאל: וָואס אִיז מֶען צָאהלְט דִיר עֶפֶּעס דֶערְפַאר?

בן ציון: נַיין, מֶען צָאהלְט מִיר גָאר נִישְׁט.

מלכיאל: גְלַאט אַזוֹי אוּמְזִיסְט? אָהן אַ גְרָאשֶׁען אוּנְגְלִיקְלִיךְ מַאכֶען דֶעם טַאטֶען פֶּערְטְשֶׁעפֶּען, נַאטְשַׁאלְסְטְוָוא, בֶּעשְׁמוּצֶען דֶעם נָאמֶען יוּד, מְחָרֵף וּמְגַדֵּף זַיין דֶעם גַאנְצֶען כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

ישראל יעקב: וָואס טְשֶׁעפֶּעסְט דוּ דִיךְ צוּם כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אִיךְ בִּין אַזַא יוּד ווִי דוּ מִיט אִיהם, און אִיךְ זָאג וֶוער עֶס הָאט בֶּאֱמֶת לִיעבּ דֶעם כְּלַל יִשְׂרָאֵל דַארְף זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען, און דַארְף זָאגֶען זַיינֶע בְּרוּדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט עֶהְרְלִיךְ זַיי זָאלֶען זַיין פַיינֶע מֶענְשֶׁען, מֶען זָאגְט

מַלְכִּיאֵל אִיז אַ גַנָב שְׁרֵייט מַלְכִּיאֵל גֶעוואַלְד כְּלַל יִשְׂרָאֵל. מֶען זָאגְט
מַלְכִּיאֵל אִיז אַ בְּלוּט זוּיגֶער שְׁרֵייט מַלְכִּיאֵל גֶעוואַלְד כְּלַל יִשְׂרָאֵל,
גְרָאבֶּער יוּנְג ווִי קוּמְסְטוּ צוּ כְּלַל יִשְׂרָאֵל?

חוה: שַׁא שַׁא. הַאלְט אַיין דֶעם לָאשֶׁעק כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִיז טַאקֶע כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער קְרֵיעָנֶען זִיךְ דַארְף מֶען נִישְׁט אוֹיךְ. נָאךְ בַּיי פְרֶעמְדֶע מֶענְשֶׁען אִין שְׁטִיעבּ.

ישראל יעקב: עֶר הָאט עֶס מִיר גֶעלֶעזֶען בְּעפָאר עֶר הָאט דָאס גֶעשִׁיקְט אִין דֶער צֵייטוּנְג, אוּן אִיךְ הָאבּ אִיהם גֶעהֵייסֶען, עֶר אִיז נָאךְ אַיין קִינְד, אוּן אוֹיבּ עֶס אִיז אַ חֵטְא אִיז עֶס מַיין חֵטְא. אוֹיבּ עֶס אִיז אַ טָעוּת, אִיז עֶס מַיין טָעוּת.

מלכיאל: טָעוּת, שָׁעוּת, אִיךְ ווייס דוּ הָאסְט אִיהם גֶעלֶערְנְט זַיין אַ פִילוֹסוֹף נֶעהם אִיהם דִיר אַצִינְד וֶועט עֶר דִיךְ לֶערְנֶען ווִי אַזוֹי צוּ זַיין אַ מְטוֹרָף! לֹא יִצְלָח. מַיין שְׁוֶועל זָאלְסְטוּ נִישְׁט אִיבֶּערְטְרֶעטֶען, מֶעגְסְט אִין גַאס פַיינֶערְן פַאר הוּנְגֶער. מֶעגְסְט פַאר מַיינֶע אוֹיגֶען אַיינְנֶעהמֶען אַ מִיתָה מְשׁוּנָה, אַרוֹיס, אַרוֹיס.

בן ציון: דֶער פֶעטֶער זָאגְט אַז עֶס קֶען זַיין אַ טָעוּת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיבּ דָאס אִיז אַ טָעוּת. הָאבּ אִיךְ מוֹרָא אַז אַלֶעס אִיז אַ טָעוּת אוּנְזֶער לֶעבֶּען אַ טָעוּת. דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַ טָעוּת. זָאגַאר דֶער אֶמֶת אַלֵיין אִיז אַ טָעוּת. פֶעטֶער אִיךְ ווִיל דִיךְ עֶטְוָואס בֶּעטֶען. אוֹיבּ דִי ווִילְסְט מִיךְ נֶעהמֶען, ווִיל אִיךְ גֶעהֶען צוּ דִיר. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקָענְט לֶערְנֶען עֶטְוָואס אַנְדֶערְשׁ ווִיל אִיךְ אִיצְט לֶערְנֶען אַ מְלָאכָה. מְלָאכָה אִיז נִישְׁט קֵיין שְׁווִינְדֶעל נִישְׁט הַאנְדֶעל נִישְׁט קֵיין בֶּעטְרִיגֶעַרֵיי. אִיךְ הָאבּ גָאר נִישְׁט אִיצְט וָואס אָנְצוּוֶוערֶען.

חוה: קוּם בֶּן צִיוֹן, אַזַא יָאהר זָאל אִיךְ הָאבֶּען וָואס פַאר אַ גָאלְדְשְׁמִיד פוּן פוּן דִיר וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען, וֶועסְט אֶפְשַׁר נִישְׁט הָאבֶּען אַזוֹי פִיעל קְלָלוֹת אוּן שְׁטֶעקֶענְעס, ווִי אִין דֶער אֵיינְגֶענֶער הֵיים. אָבֶּער צָרוֹת פוּנְקְט ווִי בַּיי אַ לֵייבְּלִיכֶען טַאטֶען.

בן ציון: אִיךְ גֶעה... אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אַ טַאטֶע...

מלכיאל: טַאטֶע, שְׁמַאטֶע, גֶעפֶעלְט אִיךְ דִיר נִישְׁט, וֶועסְט מִיךְ בֶּעשְׁרֵייבֶּען אִין דַיינֶע חוּרִיישֶׁע גַאזֶעטֶען שְׁמִיזֶעטֶען, אַרוֹים!

בן ציון: טאטע עס איז ניט וואס דו טרייבסט מיך וועק פון דאנען, איך וועה אייך אלע דורך, און דאס מאכט מיך קראנק, קיינער געפעלט מיר דא ניט, ווער דארף זיין א גרעסערער פריינד ווי א טאטע? מיין טאטע איז מיר קיין פריינד ניט, וואס דארף אונז זיין טייערער פון דעם אמת, דא איז קיין אמת ניט, דא איז נאר דא געלד אסיגנאציעס פעלין, פירעשורים, איך האב געגלויבט אז בילדונג מאכט דעם מענשען איידעל, און דאס איז אויך געווען א מיאוס'ער טעות, וואהט פראסטע מענשען האבען מעהר איידעלקייט און אויפריכטיגקייט פעטער, מיר דאכט זיך וואס קען מאכען ווייכער דאס הערץ פון א מענשען ווי מוזיק? זיי קענען אבער נור לעזען טויטע נאטען און אויסקלאפען מיט די פינגער א מעלאדיע, דאס ליעד אבער וואס דעם מענשען הערצען זינגט, דאס פערשטעהען זיי ניט. מימע, פעטער קומט איך געה צו אייך.

(ישראל יעקב, חוה, בן ציון געהען אב).

פארהאנג.

דריטער אקט.

נאכט א קליין קעריסאנאווע לאמפ ברענט אין ישראל יעקב'ס ארבייט צימער, זעהר ארום אבער ריין און געמיטליך, אויף די ווענט פיעלע אלטע זייגערס, צוויי טישליך מיט געצייג, עטליכע טיגלען,ביידע טישליך שטעהען ביי צוויי פענסטער ביי איין טישיל ארבייט ישראל יעקב מיט א פערגרעסערונגס-רעהר אויף זיין אויג, דאס צווייטע טישיל איז צו געדעקט מיט א פארטעך לעבען צווייטען טישיל אויף דער ערד ליעגען פיעלע ביכער ביים אויווען אויף א קליין בענקעלע זיצט חוה ארבייט א זאק.

ישראל יעקב: חוה!

חוה: וואס איז?

ישראל יעקב: איך האב דיך געוואלט פרעגען איין ערנסטע זאך.

חוה: אז דו וואלסט געוואלט פרעגען, וואלסטו דאך געפרעגט, מסתמא ווילסטו ניט.

ישראל יעקב: אהן קאטאווים, איך האב דיך געוואלט פרעגען וועגען בן ציון'ס מאשינע. ווי מיינסטו איז דאס ניט א משוגעת חלילה?

חוה: וואס פרעגסטו מיך? דו דארפסט דאך אליין זיין א גרעסערער מבין אויף משוגעת.

ישראל יעקב: איך פרעג דיך, ווייל דו מיט דיין קלארען גנב'ישען קאפ, קענסט יעדע זאך צוגליעדערען אויף פיצליך. איך אבער בין צופיעל פערגלייבט אין איהם און איך טרוי זיך אליין ניט. א גרויסע זאך, הא?

חוה: אז איך בין ניט קיין גרויסער מאשיניסט ווייסטו דאך, נאר איך מיין אז די מאשין וועט אפילו ניט געהען עוויג, איז דאס אויך זעהר א גרויסע התפעלות. געוואלד וואס א קאפ פון א מענשען קען אויסטראכטען, איך האב געהערט מען פאהרט איבערן שטאט אהן פערד, מען ארבייט זאקען אהן הענד, מען וועט שוין באלד אויסטראכטען א מאשינע וואס וועט קענען דאווענען אהן א יודען.

ישראל יעקב: נאַרעלע, עס איז שוין דאָ אַזאַ מאַשינע אין אַמעריקאַ, אַז דו זיצט דאָ און ווילסט כּביכול למשל עסען, גיבסטו נאָר אַ קוועטש אַ קנעפּעל פון עלעקטריע, זיצט שוין דאָרט אַ סאָלדאַט און עסט פאַר דיר.

חוה: עס איז ניט נור אין אַמעריקאַ, אומעדום וועט דאָ סאָלדאַטען וואָס עסען פאַר אַנדערע, און מען דאַרף אפילו דאָס קנעפּעל פון עלעקטריע ניט קוועטשען.

ישראל יעקב: חוה, ביסט אַ וואוילע יודענע, דייזשע מוחל און גיב מיר אַ קראַץ אין פּלייצע, לעבען דער לאָפּאַטקע, נידריגער אַ ביסעל נאָך רינער, אָט אָט אָט...

חוה: (קראַצט איהם) אַלטער גנב, עס בייסט דיך דען? גאָר נישט, בן ציון איז ניט דאָ, ווילסטו מיט מיר אַ שטיף טהון. ישראל יעקב, דו ווייסט איך האָב שטאַרקע יסורים וואָס בן ציון ווייסט זיך (א געשריי) איך הער אַ פרעמדער גענט. (יחזקאל קומט אריין) ווי איך בין אַ יודענע, מען וואָלט בעדאַרפט איינוואַרפען דעם אויווען.

ישראל יעקב: יחזקאל גאָר? דאָס האָט מען בעדאַרפט אויסטראָמלען בהצוצרות וקול שופר.

יחזקאל: גוטען אָבענד! אָה, אַ־ין אונערוואַרטעטער גאַסט?

ישראל יעקב: איך געדענק גאָר ניט ווען דו ביסט געוועזען דאָ, געדענקסט חוה אַז ער איז געוועזען אַ יונגעל פלעגט ער אַ מאָל אַריין קומען, מען פלעגט איהם נאָך דאַרפען דערמאַנען וועגען דער נאָז.

חוה: און מען האָט געדאַרפט גוט אַכטונג געבען, ער זאָל ניט גנבה'נען די רעדלעך פון די צונימענע ווייערס, ער האָט געהאַט אַ גרינגע האַנד.

ישראל יעקב: ער האָט געהאַט פון קינדווייז אָהן אַ האַנד פון אַ סוחר.

יחזקאל: נו, ווען האָב איך צייט געהאַט צו געהען צו גאַסט? מיט מיינע אַרבייט מיט מיינע געשעפטען וואָס איך האָב אויף דעם קאָפּ, ווער רעדט נאָך דער חתונה בין איך גאָר אין גאַנצען אַריין געפאַלען אין דער קאָמערציע.

ישראל יעקב: ווי די צייט פליהט, עס איז שוין לויט חשבונותי צוויי יאָהר ווי דו ביסט אַ בעל הבית'ל, אָה יאַ מחשבונית. וואָס מאַכט דיין ליעזע, וואָס מאַכט דיין קינד?

יחזקאל: גְעווּנְד ווי אַ פֶערְד, הָאט צוּ גֶענוּמֶען צְוֶועלְף פוּנְד און דָאס קִינְד לִיעגְט מִיר אִין זִין, אִיךְ הָאבּ צַייט? וֶוען קֶען מֶען גֶעהן צוּ אַייךְ, אִיהר זַייד דָאךְ פוּן זַיין צַד בְּרוֹגֶז. אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעבְּרַאכְט צוּ פֶערְרֶעכְטָען מַיין גָאלְדֶענֶעם זַיינֶער, מַיין קָאפּ!

ישראל יעקב: וָואס אִיךְ! מִסְתָּמָא אַ קָאמֶערְצִיע, דֶען זַיינֶער וָואלְסְטוּ גֶעקֶענְט שִׁיקֶען, הָאסְט גֶענוּג מְשָׁרְתִים, וְיוֹצֵר מְשָׁרְתִים.

יחזקאל: נוּ, ווי אִיז עֶר אֵייעֶר אַסִיסְטֶענְט זַיינֶער מַאכֶער? עֶר הָאט שׁוֹין ווִידֶער אָנְגֶעפַּאטְשְׁקֶעט אִין דִי גַאזֶעטֶען, מִיר לִיעגְט נִיט אִין זִינֶען צוּ לַיינֶען זַיין שְׁמִירֶעריַי. דִי גַאנְצֶע שְׁטָאדְט קָאכְט מִיט אִיהם, ווי אִיז עֶר?

ישראל יעקב: בֶּן צִיוֹן אִיז גֶעגַאנְגֶען קוֹיפֶען קְוֶועק זִילְבֶּער פַאר זַיין מַאשִׁין, דוּ זָאלְסְט זֶעהן וָואס עֶר הָאט עֶרְפִינְדֶען, בַּיי אִיהם אִין קָאפּ לִיעגְט מַארֶעךְ נִיט דֶעם טַאטֶענְס פִּידֶעשְׁוֶועס.

יחזקאל: (פֶערזָארְגט) אַזוֹי פֶּעטֶער, אַ פָּנִים ווי אִיךְ זֶעה, ווייסְט אִיהר נִיט אַז אוּנְזֶער אַלְטֶער אִיז קְרַאנְק, עֶס קֶען זַיין אַז עֶר וֶועט זִיךְ אָבְּטְרָאגֶען.

ביידע: מַלְכִּיאֵל אִיז קְרַאנְק? וָואס אִיז אִיהם?

יחזקאל: עֶר זָאגְט נִיט וָואס אִיהם אִיז, און ווִיל נִיט קֵיין דָאקְטֶער זַיינֶע מְשׁוּגַעתְ'ן, אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה יֶעדֶע זַאךְ, מִיךְ דַארְף מֶען נִיט לֶערְנֶען, און אִיךְ דֶענְק אַז דֶער אַלְטֶער דַארְף הָאבֶּען אַ רַאק אִין מָאגֶען... הֶערְט אִיךְ ווִיל אַייךְ זָאגֶען דֶעם אֱמֶת, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אַבִּיסֶעל וֶוענֶען גֶע־שֶׁעפְט.

ישראל יעקב: קְוֶועטְשׁ דִיךְ שׁוֹין אוֹיס מִיטְ'ן אֱמֶת, ווִילְסְט אִיךְ זָאל דִיר לַייעֶן חַרְפַּק אֲלָפִים קֶערְבְּלִיךְ? הַא?

חוה: אֶפְשָׁר ווִיל עֶר דִיר פֶערְקוֹיפֶען אַ פָּאר גוּטֶע חָאלֶעוִוים?

יחזקאל: אִיךְ מֵיין נִיט קֵיין קַאטָאוֶועסְלֶעךְ, אִיךְ ווִיל רֶעדֶען מִיט בֶּן צִיוֹן. שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר דֶער אַלְטֶער זָאל לֶעבֶּען שְׁטַארְבְּט אַ וָועק און לָאזְט אִיהם בִּירוּשָׁה אַ פַּייג, אִיהר פֶערְשְׁטֶעהט...

ישראל יעקב: דֶערְוַוייל הָאבּ אִיךְ נָאךְ נִיט וָואס צוּ פֶערְשְׁטֶעהֶען.

יחזקאל: אִיךְ מֵיין פָּשׁוּט וֶוענֶען דֶער יְרוּשָׁה, עֶר אִיז אַ פִּילִיזָאף, קֶען עֶר גָאר נִישְׁט פֶערְשְׁטָעהֶען, אִיהר אָבֶּער זֵייט דָאךְ אַ שְׁטִיקֶעל מֶענְשׁ אִיהר קֶענְט מִיר הֶעלְפֶען. מִימֶע חַוָה, אֶפְשָׁר... וָואלְט אִיהר מִיר גֶעקָאנְט?

חוה: מַיין קִינְד, אִיךְ בִּין נָאךְ צוּ יוּנְג, עֶרְשְׁט 62 יָאהר גֶעוָוארֶען. הַאראוּיס אִיךְ וָועל אַ בִּיסֶעל אוּנְטֶערְוַואקְסֶען, וֶועל אִיךְ אָנְהֵייבֶּען שְׁטוּדִירֶען ווי אַזוֹי צוּ זַיין אַ מֶעקְלֶערְקֶע, (א גערייש) שַׁא. אָט גֶעהט בֶּן צִיוֹן וֶועט עֶר דִיר גֶעבֶּען צוּ פֶערְשְׁטֶעהֶען. בֶּן צִיוֹן קוּם נוּר אַ הֶער גִיבֶער, וָועה וָואס פַאר אַ נַאסְט מִיר הָאבֶּען (בן ציון קומט) וָועה נוּר וָואס אִיז מִיט דִיר בֶּן צִיוֹן?

בן ציון: נָאר נִישְׁט קִינְדֶער, שְׁרֶעקְט אֵייךְ נִישְׁט. מֶען הָאט מִיךְ וִויעדֶער גֶעשְׁלָאגֶען, דִי מְלַמְדִים פוּן דֶער תּוֹרָה, אוּן גְלַאט אַזוֹי אַפָּאר פְּרוּמֶע יוּדֶען הָאבֶּען מִיר גֶעגֶעבֶּען אַרְגוּמֶענְטֶען וֶועגֶען מַיין אַרְטִיקֶעל (נעמט ארויס די צייטונג) וֶועהסְט פֶעטֶער אָבְּגֶעדְרוּקְט וָוארְט אוּם וָוארְט (בעמערקט יחזקאל) אָה קְלֶעפּ אִיז וֶועניג, הָאבֶּען מִיר אַ נַאסְט אוֹיךְ?

חוה: וָועה נוּר בַּיי דִיר בְּלוּטִיגְט אַיין אוֹיעֶר, דִי הֶענְד וָאלֶען זַיי אָבְּגֶענוּמֶען וֶוערֶען, עֶס טְהוּט דִיר וָועה?

בן ציון: וַויים אִיךְ? יוּדִישֶׁע קְלֶעפּ צוּדְרַאפֶּעט אַיין אוֹיעֶר, צוּקְרַאצְט דִי נָאז אוּן אָבְּגֶערִיסֶען דִי קָעשֶׁענֶע, דֶער גוּף טְהוּט נִישְׁט וָועה פוּן זַייעֶרֶע קְלֶעפּ נָאר דָאס הַארְץ, דִי נְשָׁמָה צוּוֶועהטִיגְט אוּן צוּוואוּנְדֶעט.

יחזקאל: יָא אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה אַבִּיסֶעל מֶעהר פוּן אַיין אַנְדֶערֶען. עֶר וָואלְט בֶּעדַארְפְט אַוֶועקְפָאהרֶען פוּן דַאנֶען, וָוארֶען אוֹיבּ מֶען וֶועט אִיהם נִישְׁט דֶערְהַרְגֶ'ענֶען, וֶועט מֶען אִיהם אַרוֹיס שִׁיקֶען פוּן דֶער שְׁטָאדְט, קָהָל וֶועט דֶערְלַאנְגֶען אַ פְּרָאשֶׁענִיֶע צוּם גֶאבֶּערְנַאטָאר אַז מֶען קֶען פוּן אִיהם נִישְׁט אַיינְהַאלְטֶען. מִיךְ קָאכְט דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה גֶעלְד אוּן אִיךְ קֶען זָאגֶען אַ דֵעָה, אוּן מִיש מִיךְ נִישְׁט, קוּמְט וַויים אִיךְ וֶוער אוּן מִישְׁט זִיךְ אַרַיין, תַּלְמוּד תּוֹרוֹת אִיז נִישְׁט קַיין גוֹיִשֶׁע שְׁקָאלֶעס עֶס אִיז שְׁמוּצִיג, וָואס הַארְט דִיךְ מֶען שְׁפַּייסְט דִי קִינְדֶער, דַארוּיף וֶוענֶען זַיי קַבְּצָנִישֶׁע קִינְדֶער, וָואלְטֶען זַיי נִישְׁט גֶעוֶוען קַבְּצָנִישֶׁע קִינְדֶער וָואלְטֶען זַיי נִישְׁט נֶעגַאנְגֶען אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה לֶערְנֶען.

בן ציון: נוּ יָא, דִי אַלְטֶע לָאגִיקֶע, מֶען נֶעמְט קָהָל'ס גֶעלְד אוּן מֶען צִיגַנְבֶ'ט נוּ וָועמֶען הַארְט עֶס, מֶען נֶעמְט יוּדִישֶׁע קִינְדֶער אוּן פֶערְדִילְט זַיי דִי מוֹחוֹת, מֶען פֶערְקְרִיפֶּעלְט זַיי, אַ דַאֲגָה, דַארוּיף וֶוענֶען זַיי קַבְּצָנִישֶׁע קִינְדֶער, נַיין, אִיךְ ווִיל מֶען זָאל מִיט דִי יוּדִישֶׁע קִינְדֶער לֶערְנֶען ווִי מֶען דַארְף לֶערְנֶען, וָוארִין אִיךְ ווַיים ווִי אוּנְגְלִיקְלִיךְ עֶס אִיז דֶער מֶענְשׁ

וָואס הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט וִוי מֶען דַארְף. פֶּעטֶער, מֶעהר פוּן אַלֶעם פֶּערְדְרִיסְט מִיךְ וָואס זֵיי הָאבֶּען מִיר צוּבְּרָאכֶען דָאס פְּלֶעשֶׁעל מִיטְ'ן קְוָועקְזִילְבֶּער, וִוי וֶועלֶען מִיר אַזוֹי גֶעךְ קְרִיגֶען גֶעלְד?

יחזקאל: אַ יָא, עֶס אִיז שְׁלֶעכְט אָ'ן גֶעלְד? הֶער, דוּ וֵוייסְט דָאךְ אִיךְ רֶעד אָפֶּען, יֶעדֶער וֵוייסְט אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין נַאר, אוּן מִיט אַ מֶענְשׁ וָואס פֶערְשְׁטֶעהט קֶען אִיךְ אָבְּמַאכֶען דָאס גְרֶעסְטֶע גֶעשֶׁעפְט אִין 2 מִינוּט מִיט אַייךְ אָבֶּער אִיז אַיין אוּנְגְלִיק מֶען קֶען זִיךְ מִיט אַיינְלְכֶע בְּרִיאִים נִישְׁט צוּנוֹיפְרֶעדֶען.

בן ציון: ווִילְסְט עֶפִּיס זָאגֶען, זָאג וָואס מֵיינְסְטוּ?

יחזקאל: אִיךְ ווִיל זָאגֶען דֶער טַאטֶע אִיז נִישְׁט מֶעהר וִוי אַ לֶעבֶּעדִיגֶער מֶענְשׁ, אוּן יֶעדֶער לֶעבֶּעדִיגֶער שְׁטַארְבְּט.

בן ציון: יֶעדֶע לֶעבֶּעדִיגֶע זַאךְ שְׁטַארְבְּט. פֶּעטֶער, יְחֶזְקֵאל אִיז גֶעוָוארֶען אַ גַאנְצֶער פִילָאזָאף.

יחזקאל: דֶער טַאטֶע אִיז אוֹיף דִיר מָלֵא רְצִיחָה עֶר ווִיל דֵיין נָאמֶען נִישְׁט הֶערֶען, אוּן דִי מֶעגְסְט זֵיין זִיכֶער אַז עֶר וֶועט דִיר אִין דֶער צַוָואָה אִיבֶּערְלָאזֶען אַ פֵייג אוּנְטֶערְגֶעשְׁלָאגֶען מִיט פוּטֶער, עֶר ווִיל דִיךְ נִישְׁט קֶענֶען.

בן ציון: נוּ אִיז דָאךְ גוּט.

יחזקאל: אִיךְ וֵויים דוּ בִּיזְט אַיין הֶערְלִיכֶער מֶענְשׁ, אוּן אַז מֶען ווִיל דִיר נִישְׁט גֶעבֶּען קֵיין יְרוּשָׁה, וֶועסְטוּ נִישְׁט וֶועלֶען נֶעמֶען. דוּ פֶערְשְׁטֶעהְסְט דֶער אַלְטֶער ווִיל דִיר נִישְׁט גֶעבֶּען, אִיךְ בִּין אָבֶּער נִישְׁט זִיכֶער אוֹיבּ דֶער אַלְטֶער הָאט אַ צַוָואָה, דוּ פֶערְשְׁטֶעהְסְט? זָאגֶען אִיהם אִיז שְׁלֶעכְט אוּן אוֹיסְגֶעפִינֶען אִיז שְׁוֶוער, נוּ שְׁטֶעל דִיר פָאר עֶס נֶעמְט דֶער אַלְטֶער אוּן שְׁטַארְבְּט אָהן אַ צַוָואָה? דַאן הָאסְט דוּ אַיין רֶעכְט צוּ מָאהנֶען הַאלְבּ, אִיךְ וֵויים דוּ בִּיזְט צוּ אַיין אַיידְלֶער צוּ אַיין הֶערְלִיכֶער מֶענְשׁ, זָאלְסְט מָאהנֶען וֶוען דוּ וֵוייסְט אַז דֶער טַאטֶע הָאט דִיר גָאר נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אוּן דִיר קוּמְט נִישְׁט, אָבֶּער גֶעוֶועצְלִיךְ וֶועסְטוּ הָאבֶּען אַ רֶעכְט.

בן ציון: דֶער טַאטֶע לֶעבְּט נָאךְ אוּן דוּ טְהֵיילְסְט זִיךְ שׁוֹין מִיט דֶער יְרוּשָׁה, הָאסְט קֵיין צַייט נִישְׁט?

יחזקאל: מִיר זֶענֶען לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְשֶׁען, אוּן עֶס אִיז בֶּעסֶער וֶוען מֶען בֶּעַ-

וואָרענט זיך. איך האָב געהערט אין שווייצעריע, ווי איז דאָס עפּעס אין דייטשלאַנד צו ווי? יאָ, אַז אין שווייצעריע קען אַ יוד לערנען מעהאַניקע די קענסט סאַי ווי סאַי נישט בלייבען אין פעראַקע. איך וויל דיר געבען געלד, איך בין דיר אַ ברודער, איך וויל דיך נישט בערויבען אומזיסט. שרייב מיר אונטער אַ פּאַפּיער אַז די וועסט נישט האָבען קיין פּרעטענסיעס.

בן ציון: ווי די זאָגסט בין איך אַיין איידעלער און אַיין העדליבער מענש פאַרוואָס וויל די דיך נישט פערלאָזען אויף מיין יושר?

יחזקאל: יושר? שמושער, געוועזע, ואַקאַנעס לאָבען פון יושר, איך בין פון די היינטיגע מענשען און איך וויים אַז אַ אונטערגעשריבענעס פּאַפּיר איז שטאַרקער ווי יושר, עס ווייזט שוואַרץ אויף ווייס.

בן ציון: אַ אונטערגעשריבענעס פּאַפּיר איז שטאַרקער פון יושר? הערזשע קיין געלד דאַרף איך נישט, און שווייצעריע געפינט זיך נישט אין דייטשלאַנד נאָר שווייצעריע ליגט טאַקע אין שווייצעריע, און פאַהרען אַהין לערנען וויל איך אויך נישט, נאָר אַ פּאַפּיער אַז די ווילסט וועל איך דיר אונטערשרייבען, דו האָסט דאָך מסתמא אַ פאַרטיג פּאַפּיער מיט זיך? (יחזקאל נעמט היילענדיג פּאַפּיער פון קעשענע) פאַר וואָס ציטערען ביי דיר אַזוי די הענטליך? ווי איז מיין טינט און פעדער (ער געפינט טינט און פעדער שרייבט).

חוה: וואָס שווייגסטו? אַלטער נאַר, ער שרייבט זיך שוין אונטער.

ישראל יעקב: און וואָס שווייגסטו? עס הייסט אַז דו וועסט שרייען וועט דיר עפּעס העלפען? אַז ער קוקט גאַר נישט וואָס אין פּאַפּיער שטעהט.

יחזקאל: נישט קשה אויף אַזאַ מענש ווי איך קען מען זיך פערלאָזען. (נעמט פּאַפּיער פון בן ציון) וואָס איז דאָס? וואָס האָסטו אונטערגעשריבען? חכמת נאַר?

ישראל יעקב: (קוקט אין פּאַפּיער לעזט) יחזקאל ביזט אַ גרויס פערד, חוה וויא געפעלט דיר אַזאַ חתימה?

חוה: יחזקאל האָסט דיר אויסגעבעטען ביי גאָט אַ כתיבה וחתימה טובה.

בן ציון: (כעס) די האָסט עס געוואָלט האָבען שוואַרץ אויף ווייס, האָסטו דאָס, די פערד, האָסט געמיינט וועסט קומען זאָגען מיר אַז איך בין אַ עהרליכער און אַ עדלער מענש, וועסט שוין קריגען וואָס דו דאַרפסט.

עָוֶעל, נָאךְ וַוייסְטוּ נִישְׁט אַז אִיךְ וֶועה דִיךְ דוּרְךְ אוּן דוּרְךְ, נָאךְ פֶּער־
שְׁטֶעהסְטוּ נִישְׁט אַז אִיהר קֶענְט אוּנְז נָאר נַארֶען, וַוייל מִיר לָאזֶען זִיךְ
נַארֶען אִיהר זַייט דִי חֲכָמִים וַוייל אִיהר קֶענְט מַאכֶען גֶעלְד. זַיין אַ גֶעלְד־
מַאכֶער אוּן אַ גַנָב דָאס אִיז זֶעהר לַייכְט. עֶס אִיז אָבֶּער זֶעהר שְׁוֶוער
צוּ זַיין אַיין עֶהרְלִיכֶער אוּן אוֹיפְרִיכְטִיגֶער מֶענְשׁ.

יחזקאל: דוּ הָאסְט שׁוֹין אַבִּיסֶעלֶע צוּ פִיעל גֶערֶעדְ, נָאר גָאר נִישְׁט,
אִין גֶעשֶׁעפְט דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט הִיצֶען. נִישְׁט אִיךְ בִּין דֶער מֶענְשׁ
וָואס וֶועט אִיבֶּער אַ חָכְמָה אָדֶער אַ שְׁפַּיי אִין פְּנִים אִיבֶּערְפָאהרֶען
אַיין גֶעשֶׁעפְט. אִיךְ הָאף, דוּ וֶועסְט זִיךְ אִיבֶּערְלֶעגֶען אוּן בֶּערֶעכְנֶען.

בן ציון: בִּיזְט גֶערֶעכְט, הֶעכֶער ¿ יָאהר הָאבּ אִיךְ צוּ דִיר קֵיין וָוארְט
נִישְׁט גֶערֶעדְט, הָאבּ אִיךְ דִיךְ אַצִינְד מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט אַ גוּטֶער
פַּארְצִיעֶ? (עפּענט די טהיר) גֶעה אַהֵיים יְחֶזְקֵאל אוּן לָאז גְרִיסֶען דֶען
טַאטֶען.

יחזקאל: פֶּעטֶער, עֶרְקְלֶעהרְט אִיהר אִיהם, עֶר זָאל נִישְׁט זַיין קֵיין יוּנְגֶעל.
וָואס אִיז דִי עַוְלָה אַז מֶען מַאכְט זִיךְ נַארִישׁ (שטיל) מֶען וֶועט דַארְפֶען
מַיין אִינְזְשֶׁענִיר זָאל וֶועהֶען זַיין מַאשִׁינֶע אֶפְשַׁר לִיגְט גֶעלְד דָארְט קֶענֶען
מִיר עֶס דָאךְ מַאכֶען (לויט) אַ גוּטֶע נַאכְט (אב).

חוה: וָועה יְחֶזְקֵאל פַארְטְשֶׁעפֶּע דִיךְ נִישְׁט אִין הוֹיז פַאר דֶער מִילְטֶער.

ישראל יעקב: בֶּן צִיוֹן דִי וַוייסְט דֶער אַלְטֶער אִיז קְרַאנְק, הֶערְסְטוּ?
דֶער אַלְטֶער פִיהלְט נִישְׁט גוּט. בֶּעגְרֶאבְּט עֶר אִיהם שׁוֹין אוּן טֵהיילְט
זִיךְ שׁוֹין מִיט דֶער יְרוּשָׁה, פֶּע, אַ מִיוּוִישֶׁע אַ פַאלְשֶׁע גֶעמֵיינֶע וֶועלְט.

חוה: דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נִישְׁט פַאלְשׁ, דוּ בִּיזְט נִישְׁט אַיין מַארְשַׁאלֶעק
אִין שׁוּשַׁן הַבִּירָה, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְשֶׁען אַ סַךְ פַיינֶערֶע פוּן דִיר.

בן ציון: ווִי זֶענֶען זֵיי דִי פַיינֶע, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעזֶעהֶען אַ מֶענְשֶׁען וָואס
זָאל יֶעדֶע מִינוּט נִישְׁט זַיין קֵיין לִיגְנֶער, אִיז עֶר אַ פְרוּמֶער בֶּעגַנְבֶ'עט
עֶר גָאט, אִיז עֶר אַ גוּטֶער בֶּעגַנְבֶ'עט עֶר זַיינֶע מֶענְשֶׁען, אִיז עֶר אַ גֶע־
לֶערְנְטֶער עֶרְנִידְרִיגְט עֶר דִי וִויסֶענְשַׁאפְט, וֶוער פוּן זֵיי אִיז נִישְׁט קֵיין
פַיינְגְלִינְג, וֶוער הָאט דֶען מוּטָה צוּ זָאגֶען דֶעם אֱמֶת, וָואס אִיז וֶוערְט
זַייעֶר לִיעבֶּע, זַייעֶרֶע שְׁטְרֶעבּוּנְגֶען? הֲבֵל הֲבָלִים. • (זעצט זיך ארבייטען)

(עס הערט זיך פלוצים א גערייש, א קלאפּ).

חוה: עֶר הָאט זִיךְ פַארְטְשֶׁעפֶּעט אִין הוֹיז פַאר דֶער מִילְטֶער.

(בן ציון עפענט די טהיר קומט מיט ראזענבערג).

ראזענבערג: וואָרום איז ביי אייך אזוי פינסטער אין פאָרדערצימער?

בן ציון: וואס'זשע איהר האָט אייך א שטאַרקען ווען געטהון? (רייניגט פון איהם דעם שטויב).

ראזענבערג: א ווען קאטשעוואריטשעסקי, ניין, איך האב מיך גאָר דערשראָקען, גוטען אָווענד, עס איז נאך גוט וואס קיינער האָט נישט געזעהען, מען וואָלט געלאַכט פון מיר, דער ראָזענבערג אריינגעפאַלען אין א מילטער, איך בין געקומען צו אייך מיט א סטראַטעגישען פלאַן.

חוה: איז דער פלאַן נישט איבערגעבליבען אין מילטער?

ראזענבערג: און איהר בן ציון איהר האָט שוין ווידערגעשריבען אין דער פרעסע אַריין, איהר פאַטשעפּעט זיך מיט קהל און איצט קלייבען זיי חתימות אייך אַרויס צו שיקען פון דער שטאָט, און די היינטיגע יונגע לייט זיי ווענען אַלע אזוי, נעמט מיין אינזשעניער טעכנאָלאָג א געבילדעטער מענש הא? עס האָט מיך געקאָסט געלד געקאָסט.

ישראל יעקב: (הערט אויף צו ארבייטען) חוה, אפשר וואָלט מיר זיך אַצינד דורכגעגאַנגען מבקר חולה זיין מלכה'לין (שטיל) א סטראַטעגישער פלאַן.

חוה: פאר וואס נישט, ביקור חולים איז א וואהלע מצוה מען קריגט עס ביי יודען בחצי חנם (עס הערט זיך טאפען די קלאמקע) שאַ, איך הער עמיצער טאפט די קלאמקע (געהט עפענען) אזוי א נאַכט סקאַצעל קומט.

(אויפטריט פרומע, מלכה).

בן ציון: די מאַמע ביי נאַכט!

פרומע: גוטען אָבענד, דער מחותן איז אויך דאָ? גוטען אָבענד, בן ציון איך בין געקומען אויף א ווייליצקע, איך האב ביי נאַכט ניט געוואָלט געהען אַליין, האב איך מלכה'ן מיט גענומען. בן ציון, דו ווייסט צו וואס איך בין געקומען, אפשר וואָלסטו מיין קינד געגאַנגען זעהען מיט דעם טאַטען.

בן ציון: מאַמע זאג דעם אמת, דער טאַטע האָט דיר געזאָגט, ער וויל מיך זעהען?

פרומע: ניין, איך וויל דיך ניט נאַרען, ער דערמאַנט ניט דיין נאָמען, אָבער איך ווייס אַז דו וועסט קומען און וועסט איהם בעטען.

בן ציון: איך זאל איהם בעטען? פאר וואס זאל איך איהם בעטען?

פרומע: עֶר אִיז דָאךְ דִיר אַ טַאטֶע.

בן ציון: עֶר זָאל מִיר זַיין אַ טַאטֶע וָואלְט אִיךְ אִיהם גֶעוֶועזֶען אַ קִינְד.

פרומע: וָואסְזֶשֶׁע עֶר וֶועט חָלִילָה שְׁטַארְבֶּען אוּן אִיהר וֶועט נִיט מַאכֶען קֵיין שָׁלוֹם?

בן ציון: מַאמֶע, שָׁלוֹם הָאט אַ וֶוערְטְה בַּיים לֶעבֶּען, בַּיים שְׁטַארְבֶּען אִיז שָׁלוֹם אַ קָאמֶעדְיֶע, בַּיי יוּדֶען בֶּעט מֶען מְחִילָה נָאכְ'ן טוֹידְט.

פרומע: וָואס אַרְט אִיהם וֶוען דִי מַאמֶע זָאל שְׁטַארְבֶּען אֶפִילוּ.

בן ציון: דִי מַאמֶע? דוּ בִּיסְט מִיר אֵיין אֶמֶת'ע מַאמֶע, אוּן אִיךְ זָאל דִיךְ פֶערְלִיעְרֶען חָלִילָה, וָואס רֶעדְסְטוּ וָואס?

חוה: זֶעהסְטוּ? אִיךְ וֶועל דִיר שְׁוֶוערֶען, דִי מַאמֶע אִיז בַּיי אִיהם אַלֶעם אוּן דִי אַנְדֶערֶע זֶענֶען גָאר נִישְׁט (גערעכט) פְרֶעמְדֶם אִיז דָאךְ נִיט אֵיינְגֶעם.

פרומע: בֶּן צִיוֹן, דִי שְׁנִיר הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט דוּ מוּסְט אִיצְט קוּמֶען, נִישְׁט נוּר צוּלִיעבּ אִיהם, טַאקֶע צוּלִיעבּ זִיךְ אוֹיךְ, וָוארֶען טָאמֶער חָלִילָה נִיט אִיצְט בְּלַייבְּסְטוּ אָהן יְרוּשָׁה.

בן ציון: דָערְפוּן גֶענוּג צוּ רֶעדֶען, אִיךְ וָועל נִיט גֶעהֶען, צוּ לִיעבּ יְרוּשָׁה גֶעהֶען אִיז אַ גֶעמֵיינְהַייט, גֶעהֶען אוּן צֵיינֶען עֶס אִיז צוּלִיעבּ מִיטְלַייד אִיז אַ לִינֶענְט, אִיךְ וָועל נִיט גֶעהֶען (זעצט זיך ארבייטען).

ישראל יעקב: אֵיין עֲבֵירָה דַיין טֶרְחָה פְּרוּמֶע, עֶר וֶועט שׁוֹין נִיט גֶעהֶען, מִיר וֶועלֶען בַּאלְד קוּמֶען, וָוארֶען אוּנְז וֶועט עֶר דָאךְ נִישְׁט חוֹשֵׁד זַיין, אַז מִיר מֵיינֶען עֶפִּים דֶערְבֵּיי. אִיהם אָבֶּער וֶועט עֶר נִיט גְלוֹיבֶּען.

פרומע: קוּם מִילְכֶּה, אוֹי אִין וֶועמֶען הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעבוּנְדֶען גָאר נִיט וִוי אַנְדֶערֶע מֶענְשֶׁען.

בן ציון: יָא מַאמֶע, אָט הַפָּנִים אַז אִיךְ בִּין אַ מֶענְשׁ פוּן אֵיין אַנְדֶערֶע וֶועלְט.

פרומע: אִיךְ מוּז גֶעהֶען (שטיל) לִיעזֶע הָאט גֶעזָאגְט אוֹיבּ אִיךְ וָועל נִיט פוֹעֶל'ן וֶועט זִי גֶעהֶען (לויטער גוטע נאכט).

מילכה: הֵייסְט עֶס מִיט וָואס מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען, מִיט דֶעם גֶעהֶען מִיר אַוֶועק, (ביידע אב).

ראזענבערג: אָט דָאס זֶענֶען דִי הַיינְטִיגֶע קִינְדֶער, דָא הָאט אִיהר דִי בֶּעסְטֶע אַטֶעסְטַאצְיֶע, וָואס מַיינְט אִיהר מַיין אִינְזֶשֶׁענִיר טֶעכְנֶעלָאג אִיז בֶּעסֶער? פְרֶעגְט מִיךְ וָואס אִיז מִיר אַרוֹיס פוּן דֶעם גְרוֹיסֶען קְטַראטֶעגִישֶׁען גְלִי'ן מִיט דֶער גַאנְצֶער קָאנְסַאלִידַאצְיֶע? אִיךְ הָאבּ

געקריגען עטליכע היבעל און מיין זוהן איז דירעקטער ביי ווי אין געשעפט. מיין טאכטער ביי ווי מיין נארבארטע ביי ווי אין מיין וואהן ביי ווי, פערקויפט דען טאטען און פערקויפט זיך פאר געלד. (מישע שטעקט אריין זיין קאפ).

מישע: איז מיין פאפא דא? (אריין) גוטען אבענד.

ראזענבערג: ווכסט מיך מישע? ביסט טאקע א וואוילער יונג. איהר וועט א בחור א גראדיאן, הא? דאס איז מיין אינזשענער טעכנאלאג, הלואי פערמאגט איהר עס וואס ער האט מיך געקאסט.

בן ציון: איהר האט דאך ערשט געזאגט אז דער אינזשענער טעכנאלאג האט איך פערקויפט און זיך פערקויפט פאר געלד.

ראזענבערג: ווער איך? אזא געמיינהייט.

מישע: פאפא, קום איך דארף דיך, וועהסט? איך האב דיך אבער געפונען הא? נו הערר פילאזאף, ווי געהטס? יא וואס האב איך געהערט איהר האט געמאכט א גרויסע ערפינדונג, איהר קאלומבוס פון סאראקא, וואס פאר א נייע אמעריקא האט איהר ענטדעקט? אינטערעסאנט צו וויסען (ער שווייגט) איך פרעג איך מען קען וועהן אייערע ערפינדונג, הוה ווייסט דאך איך בין א שפעציאליסט.

ישראל יעקב: ווייז איהם נארר, זאל ער וועהן, עס איז א מאשין וואס וועט עוויג געהען עס וועט זיך קיינמאל נישט אבשטעלען, נאך מיין שכל נאך, איז עס וויכטיגער פון עלעקטעריע, עס איז עוויגע בעוועגונג.

מישע: וואס? עוויג געהען? נא דארף דאס שוין ניט וועהן, ער איז דא חא חא חא איך האב געמיינט פיליכט ווירקליך וואס, און ער האט געפונען די פערפעטיאם מאבילע וועו איהר זאלט קריגען א סיסטע-מאטישע אקאדעמישע בילדונג וואלט איהר דאך געוויסט וואס דאס איז, טויזענדער א וועלכע ניט דערבאקענע ערפינדער ווי איהר, וועגען פון זינען אראב, און האבען מיט זייער עוויגער בעוועגונג געענדיגט אין נארענהויז.

ראזענבערג: אזוי? דאס איז פערפעטיום מאבילע הייסט עס, איז דאך טאקע ביי איהם דער אפאראטוס נישט אויף דעם רעכטען וועג פלאטץ סיסטעמאטישע אקאדעמישע בילדונג ברודער איז א גרויסע זאך, עס קאסט א סך געלד מישע דו דארפסט מיך.

מישע: יָא פַּאפַּא, קוּם, מִיר וָועלֶען גֶעהֶען צוּם מְחוּתָּן, אִיךְ הָאבּ אַ ווִיכְטִיגֶען פְּלַאן דָאס אִיז בַּיי אַייךְ פֶערְפֶּעטְיוּם מָעבִּילְיַאס. אִיהר פֶערְשְׁטֶעהט פַאר וָואס זָאגְט אִיהר מִיר נִיט?

בן ציון: אִיךְ הָאבּ אַייךְ נִיט לִיעבּ, אוּן ווִיל נִיט רֶעדֶען מִיט אַ מֶענְשֶׁען וָואס גֶעפֶעלְט מִיר נִיט, אִיךְ הָאבּ פַּיינְט צוּ זַיין פֶערְשְׁטֶעלְט.

ראזענבערג: קוּם, מִיט וָועמֶען וֶועסְטוּ דִיךְ דָא שְׁטֶעלֶען, הָאבֶּען דִיקְפָּא־טַאצִיעֶס, דֶער אַלְטֶער אִיז קְרַאנְק, הַא? אַ גוּטֶע נַאכְט.

ישראל יעקב: מִיר גֶעהֶען, אוֹיךְ מִיר קֶענֶען גֶעהֶען צוּזַאמֶען.

מישע: צוּזַאמֶען? נַיין! מִיר דַארְפֶען נָאךְ אַרַיין גֶעהֶען אִין אַיין אַנְדֶער פְּלַאטְץ.

בן ציון: פֶּעטֶער, הָאסְט נִיט פֶערְשְׁטַאנֶען! אִיהם וֶועט נִיט אָהנְשְׁטֶעהֶען צוּ גֶעהֶען מִיט אַייךְ קַבְּצָנִים, וואוּהִין קְרִיכְט אִיהר?

מישע: אַלְזָא פֶערְפֶעטְיוּם מָאבִּילֶע, הַא? חַא חַא חַא אַדְיֶע הֶערְר פִילִיזָאף. אַב מִיט ראָזענבערג).

ישראל יעקב: בֶּן צִיוֹן, דוּ הֶערְ אִיהם אִין דֶער פְּיַאטֶע, עֶר הָאט טַאקֶע אַ סִיסְטֶעמַאטִישֶׁע אַקַאדֶעמִישֶׁע בִּילְדוּנְג, אָבֶער מֶען דַארְף דָאךְ הָאבֶּען שֵׂכֶל אוֹיךְ, אוּן מֶען דַארְף זַיין אַ מֶענְשׁ, אוּן דָאס קְרִיגֶען זַיי דָארְט נִיט אִין דֶער אַקַאדֶעמִיע. קוּם חַוָּה.

חוה: דוּ פָאלְג מִיךְ אוּן לֶעג דִיךְ בֶּעסֶער פַאר פְרִיה שְׁלָאפֶען, רוֹצֵחַ דוּ שְׁלָאפְסְט ווִינְצִיג, דֶערְפַאר קֶען זִיךְ דַיין קָאפּ נִיט אוֹיסְרִיהֶען (אפארט) דִי מוֹחוֹת וָועלֶען זִיךְ נָאךְ וֶוען עֶס אִיז בַּיי אִיהם צוּ מִישֶׁען. אַ גוּטֶע נַאכְט. (אַב מִיט ישראל).

בן ציון: ווִי הָאט עֶר עֶס אָנְגֶערוּפֶען פֶערְפֶּעטְיוּם מָאבִּילֶע ווַיים אִיךְ ווִי עֶס הֵייסְט מָאבִּילֶע ווַיים אִיךְ וָואס עֶס הֵייסְט מָאבִּילֶע הֵייסְט בֶּעוֶועגוּנְג פֶערְפֶּעטְיוּם (זוכט אין די קעשינע) פֶּערְפֶּעטְיוּם אוּנְאוֹיפְהֶערְלִיךְ דָא אִיז דָאס אוּנְאוֹיפְהֶערְלִיךְ שְׁטֶענְדִיגֶע בֶּעוֶועגוּנְג, פֶּערֶעטְפֶּעטִיאוּם מָאבִּילִיס אַנְאוֹיפְהֶערְלִיכֶע שְׁטֶענְדִיגֶע בֶּעוֶועגוּנְג, וָואסְזשֶׁע הָאט עֶר גֶעלַאכְט? אִיךְ הָאבּ אִין דֶער עֶרְפִינְדוּנְג אַרַיין גֶעלֶעגְט מַיין גַאנְצֶעס לֶעבֶּען, מַיינֶע אַלֶע גֶעדַאנְקֶען אַלֶע מַיינֶע הָאפְנוּנְגֶען, אוּן דָאס זָאל זַיין נִיט מֶעהר ווִי אַ טָעוּת חָלִילָה אַ חָלוֹם אַ פַאנְטַאזִיע...

ישראל יעקב: (ביים פענסטער) איך האב געזעהען פון דער ווייטען ירוחם זלמן דעם אויבער מלמד פון דער תלמוד תורה מיט נאך עמיצען, פערשפאר בעסער די טיער.

בן ציון: וויים איך ירוחם זלמן דער מלמד ליגט מיר שטארק אין זינען.

ישראל יעקב: יא, אבער די ליגסט איהם דאך אין זינען, גיה פערשפאר די טהיר.

בן ציון: (בלייבט זיצען ביים אפענעם פענסטער, עס הערט זיך געזאנג) פון יענער זייט טייך אין דארף זינגט מען נאך אמאהל, און דא אין שטאט הערט מען נור געוויין און פלוך, א שעהנע ליכטיגע נאכט גרויסע, וואונדערבארע וועלטען, שיינען אין די בלויע הימלען און דערצעהלען אונז וואונדער-בארע סודות, ווער האט זיי בעשאפען, דאס ווייסען וויר נישט אבער ווי אזוי דאס אלעס איז בעשאפען געווארען דאס דארפען מיר אויס-געפינען דאס איז די סודות הבריאה מעשה המרכבה אין דער מענש זאגען זיי טאר נישט טראכטען דערפון. הם, נארנים, וועלכער גאט קען אבשטעלען דעם געדאנקען פון א מענשען, וועלכע קראפט קען דעם מענשען געדאנקען דערהאלטען. דארט אין די הימלען איז עווינע בעוועגונג, עווינע בעוועגונג דארף אויך זיין דא אויף ערדע (צייגט אויף מאשינע) די אלע מאשינען וועלכע דער מענש האט געשאפען ביז איצט איז דערווייל נור א נאכאהמונג דעם מענשענס אייגענע גליעדער פון ארבייט, דעם מענשענס מאבילען פון קראפט און בעוועגונג מען דארף אבער נאך געהען ווייטער מען דארף נאכמאכען די מעכאניק פון דער גאנצער וועלט סיסטעם, עווינע בעוועגונג דארט, עווינע בעוועגונג אויך דא אויף דער ערדע. (צור מאשינע מיט ליעבע) אלע רעדער אליין געטריבען דאס גאנצע מאהל אליין אויסגעשניצט מיט מיינע אייגענע פינגער יעדעס פיצעלע טויזענד מאהל בעטראכט און אויסגערעכענט אלעס אזוי איינפאך קלאהר און דייטליך וואס קען דא זיין נישט ריכטיג (מען קלאפט אין טהיר) קומט אריין (פערטיעפט) געווים, איך וועל דערפון פיעלע זאגען פערבעסערען (מען קלאפט) געהט אריין, די טהיר איז נישט פערשפארט (פערטיעפט) ווען איך זאל האבען יעצט דאס קוועקזילבער... שלעכטע מענשען (מען קלאפט, געהט צו דער טהיר) געהט אריין, ווער איז דארט פאר א שווארץ יאהר.

(אויפטריט ליעזע מילכה).

מילכה: אַ שֶׁעה‎ֶעם בָּרוּךְ הַבָּא הָאט אִיהר אוּנְז אָבְּגֶעגֶעבֶּעְן. אַ יָא אִ‎יהר הָאט זִיךְ אוֹיף מִיר נִישְׁט גֶערֶעכְנְט נָאךְ אַמָאהל? וָועהט אִיהר דָאךְ אַז עֶס אִיז בֶּעשֶׁערְט (פויזע).

ליעזע: עֶס אִיז שׁוֹין הֶעבֶּער 2 יָאהר וָוען אִיךְ הָאבּ מִיט אַייךְ גֶערֶעד אָבֶּער גֶעזֶעהֶען הָאבּ אִיךְ אַייךְ עֶטְלִיכֶע מָאהל פוּן דֶער וַוייטֶענְס (קוקט זיך אום) דָא אִיז דָאס? שְׁטִיל, אוּן וִוי רוּהִיג אִיז דָא, דָא זִיצְט אִיהר אוּן אַרְבַּייט פִּילָאזָאפִירְט מִיט דֶעם אֶנְקֶער, דִי קְלִינְגֶע טַאנְטֶע זָאגְט וִויצָען (זיפצט) אִיךְ וָואלְט דָא אוֹיךְ גֶעוָואלְט זִיצֶען.

בן ציון: וִוי אַ מֶענְשׁ ווִיל זִיצֶען דָארְט זִיצְט עֶר.

מילכה: דֶערְוַוייל הָאט אִיהר אוּנְז נָאךְ נִישְׁט גֶעבֶּעטֶען זִיצֶען. אָט אַזוֹי נֶעמְט מֶען אוֹיף גֶעסְט? אוּן נָאךְ וָואס פַאר אַ גָעסְט?

ליעזע: אִיהר וַוייט אַלֵיין אוּן וִוי זֶענֶען אַייֶערֶע?

מילכה: אִיךְ וֶועל שְׁוֶוערֶען דָאס זֶענֶען וַוי גֶעשְׁטַאנֶען גֶעבֶּען מֹשֶׁה בְּלִינְ־טְשִׁיקֶס קְלֵייטֶעל אוּן הָאבֶּען עֶפֶּעס גֶעטַעְנֶה׳ט מִיט יְרוּחָם זַלְמָן דֶעם מְלַמֵד אוּן נָאךְ מִיט יוּדֶען.

ליעזע: דִי לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַייךְ זֶענֶען גֶעוֶועזֶען אַז אִיךְ, אַז מִיר אַלֶע גֶעפֶעלֶען אַייךְ נִישְׁט. אוּן דָאךְ בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען צוּ אַייךְ.

בן ציון: אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאהל נִישְׁט גֶעזָאגְט אַ זַאךְ, וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעפֶעהלְט אָבֶּער אַ גֶעפִיהל אִיז אַ זַאךְ וָואס קֶען אִיבֶּערְגֶעהֶען אוּן פֶּערְעַנְדֶערֶען זִיךְ.

ליעזע: אַייֶערֶע מוּטֶער הָאט יְסוּרִים דֶערְפוּן וָואס אִיהר הָאט אַייךְ עֶנְטְ־זָאגְט צוּ קוּמֶען זֶעהֶען אַייֶער קְרַאנְקֶען טַאטֶען. אִיךְ וַוייס נִישְׁט פַאר וָואס? נוּר מִיר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעוִויזֶען אוֹיבּ אִיךְ וֶועל אַייךְ בֶּעטֶען וֶועט אִיהר קוּמֶען. אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּלִיעבּ דֶער מַאמֶען, הֶע! אִיךְ וַוייס אִיהר הָאט פֵיינְט לִיגֶענְט אוּן אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגֶען דִי וַואהרְהַייט, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּלִיעבּ זִיךְ אוֹיךְ.

מילכה: (שטיל) אִיךְ מֵיין אִיךְ בִּין דָאס אִיצְט אֵיין שָׂטָן. (לויט) מַאדַאם צְוֵויי הֵייזֶער פוּן הִינֶען וָואהנְט דִי צֶעלְנִיקֶערִין הִינְדֶע דִי קַארְנָאסִיעֶ אִיךְ דַארְף הָאבֶּען פֶּעקֶעכֶע.

ליזע: וואַרט מַלְכָּה מִיר גֵעהען בַּאלְד אַהֵיים.

מילכה: אוֹיף אַ וַוייַלֶע, אַ שְׁפְּרִינְג בִּין אִיךְ דָארְטֶען, אַ שְׁפְּרִינְג בִּין אִיךְ דָא (אב).

ליזע: (צייגט אויף די ביכער) און דָאס אִיז אֵייעֶרֶע בִּיבְּלִיאָטֵהעק?

בן ציון: יָא, אִיךְ הָאבּ דָא עֶטְלִיכֶע דֵייטְשֶׁע בִּיכֶער עֶטְלִיכֶע פְרַאנְצֶעזִישֶׁע און פִיעלֶע רוּסִישֶׁע, אַלְגֶעבְּרַא גְרַאמַאטִיקֶען, אִיךְ הָאבּ פִינְף רוּסִישֶׁע גְרַאמַאטִיקֶען אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אוֹיסְוֶועְנְדִיג. אִיךְ שְׁרַייבּ יֶעצְט אַזוֹי רוּסִישׁ אַז מֶען דְרִיקְט עֶס וָוארְט פֶער וָוארְט וִוי אִיךְ שְׁרַייבּ, הֶערְט אַז אִיהר וֶועְט שׁוֹין יָא דָא וֶועל אִיךְ אַייךְ עֶטְוַואס צֵייגֶען, אִיךְ הָאבּ עֶרְפוּנְדֶען אַ מַאשִׁינֶע, אִיהר וֶועְהט (צייגט א מאשינע).

ליזע: וָואס אִיז דָאס פַאר אַ מַאשִׁינֶע?

בן ציון: עֶס זָאל זַיין עֶוִוינֶע בֶּעוֶועגוּנְג אֵייעֶר בְּרוּדֶער לַאכְט דֶערְפוּן עֶר זָאגְט וִוי בַּאלְד עֶס אִיז פֶּערְפֶּעטוּם מָאבִּילֶע, אִיז דָאס שׁוֹין בְּלָא רְאָיָה אַ מְשׁוּגַעַת.

ליזע: פֶּערְפֶּעטוּם מָאבִּילֶע? אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה וִויפִיעל צַייט אַרְבַּייט און עֶנֶערְגִיע אִיהר הָאט פֶערְלוֹירֶען, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ מוֹרָא, אוֹיף וִויפִיעל אִיךְ וַוייס עֶוִוינֶע בֶּעוֶועגוּנְג אִיז אִיבֶּער דֶעם מֶענְשֶׁענְס קְרַאפְט?

בן ציון: יָא אַזוֹי מֵיינְט מֶען יֶעצְט, הָאט מֶען נִיט גֶעזָאגְט דָאס זֶעלְבֶּע וֶוענֶען אַ סַךְ זַאכֶען וֶועלְכֶע וַוייזֶען יֶעצְט אוּם יֶעדֶען גַאנְץ אַיינְפַאךְ און קְלָאהר (טרויריג) אִיךְ הָאבּ מַיין הֶערְץ מַיין וֶועלֶע אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דֶער עֶרְפִינְדוּנְג, זִי אִיז מַיינֶע אֵיינְצִיגֶע פֶערְטְרוֹיטֶע, מַיין אֵיינְצִיגֶער פְרֵיינְד אוֹיף דִיזֶער קַאלְטֶער פִינְסְטֶערֶער וֶועלְט, עֶס אִיז שׁוֹין צְווַיי יָאהר אַז אִיךְ הָאבּ נִיט קֵיין אַנְדֶער גְלִיק, קֵיינֶע אַנְדֶערֶע פְרֵיידֶע קֵיינֶע אַנְדֶערֶע הָאפְנוּנְג און קֵיין אַנְדֶערֶען גֶעדַאנְקֶען.

ליזע: אִיךְ וַוייס וֶועהר וֶועְנִיג פִיזִיק און מֶעכַאנִיקֶע, און אִיךְ הָאבּ קֵיין רֶעכְט צוּ צוּנֶעהמֶען בַּיי אַייךְ אֵייעֶרֶע לֶעצְטֶע פְרֵיידֶע און לֶעבֶּען, אִיהר וַוייסְט נִיט וִוי גְלִיקְלִיךְ אִיךְ בִּין, וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעזֶעהֶען און אִיצְט... אִיךְ מוּז גֶעהֶען... בֶּן צִיּוֹן, זָאגְט אִיהר מִיר צוּ, אַז אִיהר וֶועט קוּמֶען זֶעהֶען אֵייעֶר פַאטֶער?

בן ציון: יָא, אִיךְ זָאג אַייךְ צוּ, אִיךְ וֶועל קוּמֶען.

ליזע: דַאנְקֶע! (געסט זיין האנד) מִיט אַ קוּרְצֶע צַייט צוּרִיק שְׁטֶעהֶענְדִיג

אוֹיף אַ פְּרַאקְטִישֶׁען בָּאדֶען, הָאבּ אִיךְ מִיט מַיין שֵׂכֶל גֶעמַאכְט גְרוֹיסֶע רֶעכְנוּנְגֶען, אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיף אַייךְ גֶעקוּקְט ווִי פוּן אוֹיבֶּען אַרָאבּ, אַצִינְד שְׁטֶעה אִיךְ פַאר אַייךְ אַזוֹי נִידְרִיג אַזוֹי קְלֵיינִינְצְקֶע, אוּן אִיהר זַייט אַזוֹי גְרוֹיס אַזוֹי הוֹיךְ מִיט אַייעֶרע רַיינֶע אוּן הֶערְלִיכֶע אִידֶעעֶן, אִיהר זַייט גְלִיקְלִיכֶער פוּן מִיר.

בן ציון: אִיהר הָאט אֵיין טָעוּת, מֶען קֶען נִיט זַיין הוֹיךְ וֶוען אַלֶעס מַאכְט דִיךְ נִידְרִיג, מֶען קֶען נִיט זַיין הֶערְלִיךְ, וֶוען אַלֶעס אַרוּם דִיר אִיז פֶערְדַארְבֶּען, מֶען קֶען נִיט זַיין רַיין, וֶוען דָאס לֶעבֶּען אַלֵיין אִיז אַזוֹי שְׁמוּטְצִיג, ווִי אַזוֹי קָען מֶען זַיין גְלִיקְלִיךְ וֶוען מֶען הָאט נִיט קֵיין פְרֵיידֶע אוּן לֶעבֶּען.

ריעזע: בֶּן צִיוֹן, וָואס אִיךְ לֵיידֶע אַרְט מִיךְ נִיט, אִיךְ בֶּעקוּם דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ פֶערְדִיעֶנְט, אָבֶּער וֶוען אִיךְ דֶערְמַאן מִיךְ וֶועלְכֶעס גוּטֶעס אוּן עֶדְלֶעס הֶערְץ אִיךְ הָאבּ פֶערְוָואנְדֶעט! בֶּן צִיוֹן, עֶס קֶען זַיין עֶס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זִינְד, דָאס גְרֶעסְטֶע פֶערְבְּרֶעכֶען, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ דִי גַאנְצֶע צַייט גֶעחָלוֹם'ט פוּן אֵיין זַאךְ, זָאגֶען אַייךְ דִי וַואהְרְהַייט... אֵיינְמָאל אַייךְ דֶערְצֶעהלֶען נוּר דִי גַאנְצֶע וַואהְרְהַייט, אוּן פִיר עֶווִיג ווִיעדֶער בְּלַייבֶּען פְרֶעמְד אוּן שְׁטוּם. אֵיינְמָאל אַייךְ זָאגֶען, נוּר אִיךְ בִּין בֶּעשְׁטְרַאפְט, אֵיין מִינוּט אִיז נִיט אַ וֶועק אִיךְ זָאל נִיט פִיהלֶען קֵיין חֲרָטָה, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אַייךְ דֶעמָאלְס אוֹיךְ לִיעבּ גֶעהַאט... אִיךְ הָאבּ אַייךְ נָאךְ שְׁטַארְקֶער לִיעבּ גֶעקְרִיעגֶען, וֶוען אִיךְ הָאבּ אַייךְ פֶערְלָאהרֶען, אִיךְ לִיעבּ אַייךְ יֶעצְט בֶּן צִיוֹן. אוּן אִיךְ וֶועל אַייךְ לִיעבֶּען בִּיז אִין מַיין טוֹיט. (בייגט זיך צו זיין האנד קישט לאנג. בן ציון פאלט צו צו איהר מיט זיין קאָפּ צואווײנט זיך היסטאָריש. ביים פענסטער ערשיינט ירוחם זלמן).

ירוחם זלמן: (פינדעט מאשין) אָט, אָהּ, דִי מַאשִׁינֶע אִיז גֶעמַאכְט גֶעוָוארֶען מִיט דֶעם רוּחַ הַטוּמְאָה, אוּן זִי צוּ צוּבְרֶעכֶען אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה (אב).

בן ציון: אוֹי לִיעזֶע, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אִיךְ וֶועל מְשׁוּגָע וֶוערֶען, וֶועה אִיז מִיר בַּיי וֶועמֶען זָאל אִיךְ אִיצְט פְרֶעגֶען, בַּיי גָאט דָארְטֶען בַּיי דִי הִימְלֶען, בַּיים שִׂיכְלָאל, בַּיי דָער גֶערֶעכְטִיגְקֵייט, בַּיי וֶועמֶען זָאל אִיךְ פְרֶעגֶען? וַוארוּם זָא שְׁפֶּעט? וַוארוּם קוּמְט דָאס גְלִיק וֶוען מֶען קֶען נִיט מֶעהר גְלִיקְלִיךְ זַיין? צוּ וָואס אִיז דִי פְרֵייד, וֶוען מֶען קֶען זִיךְ מִיט אִיהר נִיכְט פְרֵייעֶן? (פלוצים ווי פערווירט) אִיךְ פְרֶעג דִיךְ וַוארוּם? וַוארוּם בִּיסְט דִי נִיכְט גֶעגַאנְגֶען, וֶוען דוּ הָאסְט גֶעמֶענְט גֶעהֶען? אוּן וַוארוּם בִּיסְט דוּ

גָעקוּמֶען, וָוען דוּ הָאסְט נִיט בֶּעדַארְפְט קוּמֶען ? אִיךְ פְרֶעג דִיךְ וַוארוּם ווילְסְט דוּ יֶעצְט מִיךְ פֶערְנִיכְטֶען מִיט זִינְדִיגֶע גֶעדַאנְקֶען ? אָדֶער דוּ ווילְסְט מִיךְ מְשׁוּגָע מַאכֶען ? (ווארפט זי אים).

ליעזע : (ערשראָקען) בֶּן צִיוֹן בֶּערוּהִיגְט אַייךְ.

בן ציון : (רייסט אויף איהר וויאכטילקע) אוּנְגְלִיקְלִיכֶע אִיךְ פְּרֶעג דִיךְ וַוארוּם זָא שְׁפֶּעט ? וָוארוּם יֶעצְט וָוען מֶען טָאר נִיט ? וַוארוּם יֶעצְט וָוען מֶען דַארְף נִיט ? וָוארוּם זָא שְׁפֶּעט ? וָוארוּם זָא שְׁפֶּעט ? (ער פאלט מיט'ן קאָפּ איבער'ן טיש וויינענר).

פארהאנג.

פיערטער אקט.

(דאס זעלבע צימער ווי אין ערשטען אקט, ביי מלכיאל אין הויז נאר אנדערע מעבעל, א פיאנא א סאפע, בלומען, ליעזע זיצט ביי דער פיאנא שפילט שטיל די מאנדשיין סאנאטע, יחזקאל זיצט ביי א טישעל צעהלט פעקליך געלד, לאמפען ברענען).

יחזקאל: 835, 840 העע דו, אפשר וואלסטו אויפגעהערט ברינגקען אויף דער פיאנע, איך קען נאך א טעות האבען, און א טעות קאסט געלד, (ליעזע מאכט צו די פיאנא) 850, 835 פוי, עס איז אזוי היים, אראבנעהמען פון זיך דעם האמעד (נעמט אראב פון זיך דעם קאלנער טהוט אויס ראק) העע מילכה דערלאנג מיר דעם חאלאט.

מילכה: (מיט'ן חאלאט) וואס שרייט איהר אויף מיר ווי אויף א טאטען? נאט אייך אייער באלאחאן, איהר דאווענט מיט'ן אלטען בעל הבית נוסח, איהר וועט קיינמאל ניט זיין אזא בעל תפלה ווי ער?

יחזקאל: תפילה, שמילע, נו געה שוין (שטורחעט זי).

מילכה: ר' יוד שטורחעט זיך נור ניט, איהר זייט ניט קיין בחור מעהר, ער שטורחעט גאר (כעזע אב).

יחזקאל: (צעהלט) 10 20 30 40 50 וואס האסטו דיך היינט אזוי אויסגעפוצט, איך האב דיך בעסער ליעב ווען דו גייסט אין א בלאזע, ביסטו דאן וועניגער מאדאם און מעהר ווייב, 60 70 80. ליעזע, איך בין א מענש וואס איך פערשטעה און איך זאג דיר עס קען זיין איידער איך וועל צוריק קומען פון יריד, וועט זיך דער אלטער דא אבפעקלען האב איך דיר געוואלט זאגען זאלסט שכל האבען און...

ליעזע: הער וואס איך וויל דיך בעטען, לאמיר ערגיץ א וועק געהען, איך וויל איצט ניט זיין אין דער היים.

יחזקאל: דער טאטע זאגט ווען גאט האט בעשאפען א קאטץ און א יודענע האט ער זיי געזאגט זיצט און קעצעלט זיך און קינדעלט זיך, בהמה

דו האסט געהאט א מיידעלע און געוועג, נו און יונגליך (ליעזע קוקט אויף איהם בעז) וואס איז? וואס קוקסטו אויף מיר אזוי ווילד?

ליעזע: מען זאגט מען קען א מענשען דערקענען פון דעם וואס ער רעדט איך מיין אבער אז מען קען א מענשען דערקענען אויך פון דעם ווי אזוי ער הערט ווי אנדערע רעדען.

יחזקאל: איך פערשטעה ניט וואס דו מיינסט, ווילסטו מיך אפשר לערנען הלכות דרך ארץ? דו קענסט טאקע צימבלען אויפ'ן פארטעפיאן און שפראכען פאריסקי, דו האסט אבער קיין שכל ניט, און קענסט ניט שעצען וויפיעל שכל און חכמה און ארבייט מיר לעגען אריין אין קא-מערציע, מיין מאמע איז א פראסטע יודענע, און דאך זי פערשטעהט אין שעצט דעם טאטען און מיך א סך בעסער וואר'ן זי איז ניט קיין נארר.

ריעזע: יא, ווען איך זאל פערשטעהען ווי די מאמע וואלט איך געוועזען גליקליך ווי זי, ווען זי אבער וואלט פערשטאנען ווי איך, האב איך מורא וואלט זיא געוועזען אומגליקליכער פון מיר, דען זיא וואלט פערשטאנען ניט נאר ווענעם פרויא זיא איז נאר אויך וועמענס מוטער זיא איז!

יחזקאל: אה צום שווארצען יאהר, פאר דעם זכן וואס האסט מיר געגעבען איז דיר נאך ווייניג אזא מאן ווי איך, וואס דען האסטו געוואלט? (מלכה קומט).

ליעזע: וואס דערעהסטו דיך ארום יעדע מינוט א הין און א הער?

מלכה: פאר וואס דען קריעג איך 42 רובעל א יאהר? (מאראם, בן ציון געהט)!

יחזקאל: בן ציון? האט ער זיך מיישב געווען און געהט עודען מיט מיר? אדער מען האט איהם אנגעלערנט ער זאל געהען בעטען מחילה ביים טאטען? (לייט) בן ציון געהט אהער דאס איז עפעס מערקווירדיג.

ליעזע: וואס איז דא אזוי מערקווירדיג, ער געהט זעהען דעם קראנקען טאטען.

יחזקאל: דעם טאטען? פון וואנען ווייסטו? אפשר נאר מיך?

ריעזע: די מאמע האט איהם גערופען האט ער נישט געוואלט געהען זענען מיר איהם געגאנגען בעטען.

יחזקאל: דו? נו, ווען דו וואלסט אבער מיט דיין בהמה'שען קאפ קענען פערשטעהן צו וואס די מאמע רופט איהם וואלט דאך דיך דער שווארצער יאהר אהין נישט געטראגען.

ליעזע: גְעוִויס פֶערְשְׁטֶעהע אִיךְ אוּן דֶער שְׁוַוארְצֶער זָאהר הָאט מִיךְ דָאךְ גֶעטְרָאגֶען.

יחזקאל: הֵייסְט עֶס מַיין אֵייגֶען ווַייבּ אִיז גֶעגַאנְגֶען הֶעלְפֶען מִיךְ בֶּערוּיבֶּען אוּן בֶּעגַזְלֶ'ן.

ליעזע: דַיין אֵייגֶען ווַייבּ אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען דִיךְ בֶּערוּיבֶּען אוּן בֶּעגַזְלֶ'ן, עֶס הַאנְדֶעלְט זִיךְ נִישְׁט וֶועגֶען דַיין טֵהַייל.

יחזקאל: טֵהַייל, שְׁמֵייל, וָואס פַאר אַ טֵהַייל הָאט עֶר? ווֶער הָאט גֶע־אַרְבֵּייטֶעט אוּן גֶעהָארֶעוֶועט. ווִי אֵיין עֶזֶעל גֶעדְרֶעהט מִיטְ'ן קָאפּ, פַאר וָואס קוּמְט אִיהם. אוּן וָואס פַאר אַ תַּכְלִית קֶען דֶער מְטוּרָף מַאכֶען פוּן דֶעם גֶעלְד. עֶר פֶערְשְׁטֶעהט עֶפֶּעס אַ קָאמֶערְצִיעֶ? לִיעזֶע דוּ קֶענְסְט דָאךְ אִיהם עֶרְקְלֶערֶען, אִיךְ ווַייס עֶר הָאט פַאר דִיר אָנְגֶענוּמֶען אַ כַּפָּרָה, זָאג אִיהם נָאר פַאר וָואס זָאל עֶר צוּנֶעמֶען בַּיי מִיר אַז עֶר דַארְף עֶס נִישְׁט, גִיבּ אִיהם אַ גְלֶעט אִיבֶּער דֶען קָאפּ, אַ ווִינְק אַ שְׁמֵייכֶעלֶע, אִיךְ וֶועל אַייךְ אוּן מִישְׁנֶע לָאזֶען אַלֵיין.

מילכה: (אין טהיר) קוּמְט אַרֵיין, דִי יוּנְגֶע בַּעַל הַבַּתִּים וֶוענֶען דָא אִין דִי אֵייגֶענֶע שְׁטִיעֶבּ ווִיא אִיהר פְלֶעגְט מִיט דֶען טַאטֶען שְׁפִּיעלֶען אִין קַאמֶער הוֹיז.

יחזקאל: (צעהלט) 710—720—730 אַה, אַ גַאסְט אִין שְׁטֶעדְטִיל!

בן ציון: (ברענגט צעבראכענע מאדעלס) דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ ווִיא אַ מָאהל זִיצְט אוּן צֶעהלְסְט, וָואס וֶועט זַיין וֶוען דוּ וֶועסְט שׁוֹין אִיבֶּערְצֶעהלֶען?

יחזקאל: אַז אִיךְ וֶועל אִיבֶּערְצֶעהלֶען וֶועל אִיךְ נֶעהמֶען דָאס גֶעלְד אַהֶער אִין גַארְטֶעל אַרֵיין, נָאכְדֶעם וֶועל אִיךְ נֶעהמֶען מַיין סַאקוּוִויאַזְשׁ בִּיקְסֶער מִיט מִיר אוּן צוּגְרֵייטֶען אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף הָאבֶּען, נָאכְדֶעם וֶועל אִיךְ עֶסֶען ווֶעטְשֶׁערֶע, נָאכְדֶעם וֶועל אִיךְ גֶעהן אַ קוּק גֶעבֶּען צוּ דִי פֶערְד, נָאכְדֶעם וֶועל אִיךְ נֶעהמֶען מַיין יוּדֶענֶע אוּן וֶועל גֶעהן שְׁלָאפֶען (בן ציון גיט א ברום) הַא? אִיךְ זָאג נָאכְדֶעם וֶועל אִיךְ נֶעהמֶען מַיין יוּדֶענֶע אוּן וֶועל גֶעהן שְׁלָאפֶען.

מילכה: עֶר חַזֶר'ט אֵיין, עֶר זָאל חָלִילָה נִישְׁט פֶערְגֶעסֶען.

יחזקאל: אוּן גַאנְץ פְרִיה כְּאוֹר הַבּוֹקֶר אַרוֹיסְפָאהרֶען אוֹיפְ'ן יְרִיד אִיךְ בִּין אַ מֶענְשׁ וָואס אִיךְ אַרְבֵּייט. מֶען דַארְף גֶעהן זֶעהן דֶעם טַאטֶען (שטיל) לִיעזֶע הָאבּ שֵׂכֶל. (אב).

מילכה: ווִי צַער בַּעַל חַיִּים׳דיג. דָער וָעהט נֶעבֶּעךְ אוֹיס, מֶען דַארְף גֶעהְן זָאגֶען דָער בַּעַל הַבַּיִת׳טֶע זִי וָואלְט פַאר אִיהם קַיין זַאק בַּארְשְׁט נִישְׁט גֶענוּמֶען. (אב).

ליעזע: אִיהר ווייסְט נִישְׁט ווִי דִי מַאמֶע וָועט זִיךְ פְרֵייעֶן, וָואס אִיהר זַייט עֶנְדְלִיךְ גֶעקוּמֶען צוּרִיק אַהֵיים.

בן ציון: יָא ווִי פִיעל מֶען זָאל נִישְׁט וַואנְדְלֶען צוּרִיק אַהֵיים פוּן וַואנֶען מֶען אִיז גֶעקוּמֶען? מוּז מֶען זִיךְ דָאךְ אוּמְקֶעהְרֶען, וָואס גֶעבֶּער מֶען קֶעהְרְט זִיךְ אוּם דָערְסְטָא וָועניגֶער וַואנְדֶערְט מֶען.

ליעזע: בֶּן צִיוֹן, וַוארוּם זַייט אִיהר אַזוֹי פֶערְצְווַייפֶעלְט? דֶער מֶענְשׁ הָאט אַ ווִילֶען, גֶעדַאנְקֶען אוּן גֶעפִיהלֶע אוּם עֶר זָאל קֶענֶען קֶעמְפְּפֶען מִיט דֶער אוּנְגֶערֶעכְטִיגְקֵייט, אוּן זָאל קֶענֶען בּוֹיעֶן זַיין גְלִיק. בֶּן צִיוֹן אִיךְ הָאבּ פִיעל גֶעטְרַאכְט זַייד אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען פוּן אַייךְ אוּן ווִיל מִיךְ מִיט אַייךְ בֶּערַאטֶען, בֶּעפָאר אִיךְ ווִיל מִיךְ בֶּעשְׁלִיסֶען צוּ קֶעמְפְּפֶען פַאר מֵיינֶע פְרֵייהֵייט, גֶעווִיס וֶוען אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבֶּען דָאס קִינְד וָואלְט פַאר מִיר גֶעוֶועזֶען לַייכְטֶער, אָבֶּער דָאךְ...

בן ציון: יָא אִיהר דַארְפְט קֶעמְפְּפֶען פַאר אֵייעֶרֶע פְרֵייהֵייט פַאר אֵייעֶר גְלִיק, אִיךְ אָבֶּער פַאר מִיר אִיז צוּ שְׁפֶּעט (פערטראכט זיך) וֶועהט אִיהר אֵייעֶר קִינְד וָואלְט אִיךְ יָא גֶעוָואלְט זֶעהֶען, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעהַאט אַיין קִינְד זַיי הָאבֶּען עֶם עֶרְמָארְדֶעט, אִיצְט אוֹיבּ אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֶעהֶען פוּן דָער וֶועלְט, וֶועט פוּן מִיר נִישְׁט בְּלַייבֶּען קַיין זֵכֶר (ציינט טהיילען פון זיין ציבראכענע מאָדעל) דָאס וָואס אִיז צוּבְּרָאכֶען קָאן נִיט גַאנְץ וֶוערֶען.

ליעזע: (בועכט די הענד) זַיי הָאבֶּען צֶעבְּרָאכֶען אֵייעֶר מָאדֶעל? אוֹי ווִי אוּנ-זִינִיג זַייעֶר גְרוֹיזַאמְקֵייט אִיז... אָבֶּער דָאךְ דָאס דַארְף אֵייךְ נִישְׁט טְרַייבֶּען צוּר פֶערְצְווַייפְלוּנְג, דִי עֶרְפִינְדוּנְג הָאט נִישְׁט גֶעקָאנְט זַיין אַזוֹי ווִיכְטִיג. (געהט צו צום פיאנאָ).

בן ציון: יָא ווִיכְטִיג נִישְׁט ווִיכְטִיג, פַאר מִיר אִיז אִיצְט אַלֶעס אֵיינְס נִישְׁט צוּם עֶרְשְׁטֶען מָאל וֶוענֶען אַלֶע מֵיינֶע הָאפְנוּנְגֶען צֶערְשְׁמֶעטֶערְט גֶעווָארֶען, נִישְׁט אַיין מָאל אִיז דָאס וָואס אִיז מִיר אַזוֹי הֵיילִיג גֶעוֶועזֶען גֶעטְרֶעטֶען גֶעוָוארֶען מִיט דִי פִיס! (ליעזע וויל וואס זינגען, גיט א מאך מיט דער האנד, זעצט זיך צו דער פיאנא, שפיעלט, ביז זי קען נישט שפיעלען פון געוויין' ער גיט א קוק אויף איהר הייבט אויך אן צו וויינען.

(אויפטריט פרומע)

פרומע: בן ציון, ווי ביזטו? זוהן מיינער, ביזט אזא גוטער וואס די ביזט געקומען אפשר וועט גאט העלפען, און איהר וועט דאך מאכען שלום, וועה נאר זיי ווייגען גאר? קינדער, גאט איז מיט אייך, וואס איז דאס פאר א געוויין? (ליעזע וויינענד אב).

בן ציון: מאמע איך בעוויין דאס וואס איז געשטארבען און וועט ניט מעהר לעבעדיג ווערען. טויט פיר אימער און עווי"ג.

פרומע: איך פערשטעה נישט וואס דו מיינסט דער טאטע חלילה האלט נאך נישט ביים שטארבען דארט זיצען ביי איהם מענשען, דער פעטער מיט דער מומע, דער מחותן מיט מישען, הערסט? יחזקאל האט געזאגט דעם טאטען אין א וויץ אז די ביזט געקומען יאקבי מאנען ירושה! שא, מיר דאכט זיך ויי גייען אהער.

(אויפטריט ישראל יעקב, חוה, ראזענבערג, מישע),

ישראל יעקב: בן ציון, מיט דיין קומען אהער האסט די בעוויזען אז די ביזט א מענש.

חוה: וועה נור פערקעהרט מיר דאכט זיך ער איז גאר אין גאנצען אויס מענש געווארען.

ראזענבערג: (שטיל) יא, עס איז א גוטער סטראטעגישער פלאן, אבער ווי אזוי מאכט מען עס אז אויב ער וועט מיך נישט מאכען פארן אפיטרופים זאל ער חאטשע די צוואה שרייבען אויף ליעזעס נאמען, מען דארף עס מאכען קאטעגאריטשעסקי.

חוה: שלימיזאלניק איינער וואס זאגסטו נישט וואס עס האט זיך דיר געטראפען?

בן ציון: וועהר פיעל א סך, מיהמע, איך האב מיט איין מאל בערעכענט א גרויסען חשבון, פעטער, דו וועהסט וואס עס איז געבליבען פון מיין גרויסער ערפינדונג פון וועלכער מיר ביידע האבען אזוי פיעל געטריימט (צייגט אויפ'ן מארעל) אט דאס, פעטער, בלייבט פון דעם מענשענס גרויסע פלענער און זיסע האפנונגען.

ישראל יעקב: צעבראכען, דאס איז ירוחם זלמן'ס ארבייט, ער האט מיר ערשט היינט געזאגט, אז אויסער דעם חטא וואס דו שרייבסט אין די גאזעטען, מאכסטו נאך א מאשינע מיט'ן רוח הטומאה, אקוראט זאגט

ער ווי די פליגלען מיט וועלכער ער מיינט די נפילים עזי ועזאל וועגען אראב פון דעם הימעל געפלויגען, עס איז א גרויסע מצוה, אזא זינדיגע זאך צו צוברעכען. זיי זענען געבעך בלינד ווי ביי נאכט די היהנער.

מישע: זעהט נור זיין פערצווייפלונג, מען האט איהם צעבראכען זיין פער־פעטיום מאבילע.

בן ציון: זיי האבען נישט צעבראכען דאס וואס איהר רופט אהן איראניש פערפעטיום מאבילע די עוויגע בעוועגונג קען נישט צוברעכען ווערען דאס איז גאר נישט, ניין. זיי האבען גאנץ גלייכגילטיג געגומען מיט שמוציגע הענד און האבען צעבראכען דאס וואס איז מיר געוועזען טהייער, דאס וואס האט מיר געגעבען האפנונגען, דאס וואס האט מיך געקאסט אזוי פיעל מיהע, אזוי פיעל ארבייט. זאל זיין דאס איז פאנ טאזיע, איך האב אבער אין דעם אריינגעלעגט וואס עס איז מיר געבליעבען פון מיין זעעלע, און פון מיין הערץ. זיי האבען אין גאנצען מיין הערץ צובראכען און מיינע זעעלע געטעטעט.

מישע: נא דארויף זענען זיי דאך ווילדע פאנאטיקער, זיי זענען דאך אבער אייערע מיט מענשען פאר וועלכע איהר זייט בערייט צו אפפערן אייער לעבען.

בן ציון: זיי זענען ווילדע פאנאטיקער, און וואס זייט איהר? ווייסט איהר דען פון פערפעטיום מאבילע מעהר ווי זיי? איז דען אונזער נשמה, אלע אונזערע שטרעבונגען, אלע אונזערע אידעאלען, אלע בעוועגונגען פון אונזערע זעעלע נישט נור א פערפעטיום מאבילע וועלכע לעבט און עקזיסטירט זא לאנגע מען גלויבט אין דעם זיי ברעכען א טויטיג מאשינע וועלכע איז געמאכט ווי זיי גלויבען מיט'ן רוח הטומאה און איהר ברעכט איהר נישט די עוויגע בעוועגונג פון א לעדיגער זעעלע וועלכע איז געשאפען ווי איהר ווייסט מיט'ן רוח הקודש זיי מיינען אז דער וואס פליהט אביסעל העכער פון זיבערע הערשאפט טהוט דאס מיט א אונריינע קראפט, ט. און איהר זאגט דען נישט דאסזעלבע ווען א סך מענשען, וועלכע איהר רופט מיט פעראכטונג אידעאליסטען ווייל זיי האבען פליעגעל און פליהען פון אייערע הערשאפטען קעפ, איהר האט גרויסע סטראטעגישע פלאנען אין אייערע קעפ, די קאנסילאדאציע פעראייניגט איהר מיט אסיגנאציע, קאפיטאל מיט וויכטיגקייט, ליעבע

מִיט אַ קָאנְטָאבּוּךְ, אַלֶעס גוּט אוֹיסְגֶערֶעכֶענְט! נוּ וִוי אִיז גֶעבְּלִיעבֶּען בַּיי דֶעם חֶשְׁבּוֹן? דֶער מֶענְשׁ, דִי וֶועלֶע פוּן דֶעם מֶענְשֶׁען, אָט וֶוענְט אִיהר דֶער מְחוּתָּן דֶער אִינְזְשֶׁענִיר טֶעכְנָאלָאג. אִיךְ זֶעה אַייךְ דוּרְךְ אוּן דוּרְךְ אַלְם קְבָרוֹת־לַייט, אִיהר זַייט גֶעקוּמֶען עֶמִיצֶען בֶּעגְרָאבֶּען אוּן וֶועמֶעס יְרוּשָׁה בֶּעיַרְשָׁה'נֶען.

ראזענבערג: וֶוער אִיךְ? מִישֶׁע וִוי גֶעפֶעלְט דִיר אַזאַ גֶעמֵיינְהֵייט.

בן ציון: פֶּעטֶער, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא פַאר זִיךְ, עֶס אִיז אֶמֶת אִיךְ בִּין אַ מְטוּרָף אַ מְטוּרָף!

(אוֹיפְטְרִיט לִיעזַע מִיט קִינְד, מִילְכָה).

ליעזע: עֶר הָאט גֶעוָואלְט זֶעהֶען דָאס קִינְד, אֶפְשֶׁר וֶועט דָאס אִיהם בֶּערוּהִיגֶען, בֶּן צִיוֹן, אִיהר הָאט גֶעוָואלְט זֶעהֶען מֵיין מֵיידֶעלֶע, מֶען רוּפְט זִי יוּטָא נָאךְ מֵיין מַאמֶען.

פרומע: יָא, בֶּן צִיוֹן הָאט דָאךְ נָאךְ נִישְׁט גֶעזֶעהֶען יְחֶזְקֵאל'ס קִינְד.

בן ציון: אִיךְ וִויל זֶעהֶען לִיעזֶעס קִינְד, יוּטָא נָאךְ אַייעֶר מוּטֶער. לִיעזֶע, וֶוען אִיהר וֶועט הָאבֶּען אַ יוּנְגֶעל וֶועט אִיהר אַ נָאמֶען גֶעבֶּען בֶּן צִיוֹן נָאךְ מִיר!

פרומע: נָאט אִיז מִיט דִיר, וָואס רֶעדְסְטוּ? דוּ לֶעבְּסְט נָאךְ אוּן וֶועסְט פִיעלֶע פוּן אוּנְז אִיבֶּערְלֶעבֶּען.

בן ציון: יָא אִיךְ לֶעבּ, אָבֶּער אִיךְ וֶועל קֵיינֶעם פוּן אַייךְ אִיבֶּערְלֶעבֶּען אִיךְ וִויל נִישְׁט לֶעבֶּען אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט לֶעבֶּען. אוֹיבּ מֶען וֶועט דִיךְ נִישְׁט פֶערְדֶערְבֶּען יוּטָא, וֶועט פוּן דִיר אוֹיסְוַואקְסֶען אַ גוּטֶער אוּן אָרְדֶענְטְלִיכֶער מֶענְשׁ (צוּ לִיעזַע) מֶען קֶען זִיךְ אוּן מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פִיהלֶען אִין גַאנְצֶען אוּנְגְלִיקְלִיךְ וֶוען מֶען הָאט אַ זִיסֶען טְרֵייסְט. לִיעזֶע, אִיהר הָאט אַ קִינְד אוּן אִיךְ הָאבּ גָאר נִישְׁט.

פרומע: שַׁא, מִיר דַאכְט זִיךְ אִיךְ הֶער דֶער אַלְטֶער גֶעהט.

חוה: קִינְדֶער עָ עָ דִי מַאשִׁינֶע, וִוי רוּפְט מֶען עֶס פֶערְעפֶּעטְיוּם מָאבִּילֶע צוּ דֶעם דַארְף מֶען שֵׂכֶל, אָבֶּער קִינְדֶער.....

(אוֹיפְטְרִיט מַלְכִּיאֵל).

מלכיאל: אוּן טַאמֶער וֶועט קַאנִיאָכֶען נִישְׁט זַיין אוֹיפְ'ן זְרִיד טֶעלֶעגְרַאפִיר תֵּיכֶף נָאךְ מִיקָאלַאיֶעוו אַז מִיר וֶועלֶען פְּרָאטֶעסְטִירֶען וַיינֶע וֶועקְסְלֶען הָא, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז זַיי מַאכֶען שְׁפַּאס, אוּן עֶר אִיז טַאקֶע דָא?

מילכה: א פולע שטוב מענטשען און איהר שפּאצירט אין אייער באלאחאן א ציהרינג.

יחזקאל: א ציהרונג שמירינג, לערנסט מיך אויך דרך ארץ, געה.

(ווארפט זי ארויס).

מלכיאל: נו, וואס'זשע ביזט נאך אלץ אזא מטורף ווי געוועזען?

בן ציון: יא, טאטע, מיין איינציגער טרייסט און פריידע איז, וואס איך וועל שוין בלייבען א מטורף ווי געוועזען, איך וועל שוין נישט האבען קיין צייט צו ווערען אן אנדערער.

מלכיאל: אזא גרויסער ? איז צו זיין א מטורף? נו, וואס'זשע ביזטו געקומען? מאנען ירושה?

יחזקאל: א צדיק, א צדיק, און ווען עס קומט צו ירושה ווערט ער א פּראסטער בשר ודם.

ראזענבערג: מחותן, אז עס איז שוין יא ביי אונז קאנפערזאציע וועגען ירושה, וויל איך בעמערקען א יוד האט מורא צו דערמאנען דאס ווארט צוואה.

מישע: קריסטען זענען אין דעם פאך פּראקטישער, א יוד האט מורא צו דערמאנען דאס ווארט צוואה, א מענש דארף שטענדיג פארטיג זיין מיט אלע זיינע בילאנסען.

מלכיאל: בילאנסען, פינאנסען.

ראזענבערג: מען דארף אויסקלויבען פערטרויטע אפּיטראפּסים וועלכע זאלען אכטונג געבען אויף דעם געלד און אויף דעם גאנצען פערמעגען.

יחזקאל: איהר האט א טעות, שוועהר, אזעלכע פערטרויטע דארף מען נור ווען די קינדער זענען נאך נישט פאליעהריג, איך בין א מענש וואס מען דארף מיר נישט לייגען א פינגער אין מויל אריין.

ראזענבערג: יא אבער אין דעם פאל ווען איין זוהן איז נישט ביים פולען זינען?

בן ציון: וועלכע פון די צוויי בנים מיינט איהר, מיך צו יחזקאל? אה, קינד ווי גליקליך דו ביזט, וואס דו קענסט נישט פערשטעהן וואס מען רעדט דא, נעמט זי בעסער צו פון דאנען, נו, יוטע זייט געזונד, קענסט מיך נישט, איך בין דיין אנקעל וועלכע אלע רופען מטורף, קוק מיך אן קינד, קען זיין אז דו וועסט מיך שוין מעהר נישט זעהען, דו וועסט מיך

אַוַדאי באַלד פערגעסען, נאר דיין מאמע וועט זיך אפשר א מאהל אן מיר דערמאנען און וועט דיר דערצעהלען פון מיר ווי געזונד און גליקליך (ליעזע מיט'ן קינד אב) טאטע, איך בין נישט געקומען מאהנען ירושה, איך בין געקומען פרעגען ווי פיעל איך זאל נעמען פאר מיין טהייל. ער איז געוועזען ביי מיר האט זיך געדונגען און איך האב איהם שוין אויפגע-שריעבען אויף א פאפיער, איז ער אבער געבליעבען אונצופריעדען.

חוה: נא, איהם איז דאך שטענדיג ווייניג.

מלכיאל: אזוי? וויפיעל האסטו דען געשריעבען אין דיין פאפיער?

בן ציון: נישט זעהר פיעל, איך האב געשריעבען, יחזקאל, דו ביזט איין עזעל!

ישראל יעקב: נישט ריכטיג! האסט געשריעבען, יחזקאל זיי קיין פערד.

חוה: זאל זיין פערד, איבער אזא קליינינקייט...

יחזקאל: אמת, טאטע, איך בין געוועזען ביי איהם, איך רעד אהן חכמות, קיינער ווייסט נישט אויב די האסט א צואה, און טאמער שטארבסטו?

בן ציון: כדאי געוועזען א גאנץ לעבען זאמלען, קארגען, צו ליעב וואס און צוליעב וועמען?

יחזקאל: אט למשל, טאטע, ביזט געשטארבען קען קומען איך וויים ווער א מטורף וואס ווייסט נישט וואס איז געלד און קען פאדערען א העלפט און דאס קען איבערקעהרען דאס גאנצע געשעפט מיט די לאקשען אראפ.

מלכיאל: חברה, איהר האט דא אלע א מאוס'ען טעות, די צואה איז דא! לאקשען אראפ לאקשען ארויף, קיינער וועט נישט נעמען וואס איך לאז איהם נישט איבער, קיינער נישט, דו בן ציון ביזט געקומען צו שפעט!

בן ציון: נו יא, איך קום שטענדיג צו שפעט, דערפאר אבער וויל איך אוועקגעהען צו פריה, און וועגען דער ירושה זאל זיך יחזקאל זארגען.

מלכיאל: אנדערע, ווי איך זעה, טהיילען זיך מיט דער ירושה ביי מיין לעבען, און דו, די ירושה שמעקט דיר נישט, וואס ביזטו געקומען אפשר בעגראבען מיך בעצייטענס, הא?

בן ציון: דיך בעגראבען? א מענשען בעגראבען שטענדיג נור איינענע קרובים און גוטע פריינדע, פרעמדע בעגראבען נישט. איך בין דיר

אַ פְרֶעמְדֶער נִישְׁט קֵיין קָרוֹב, אִיךְ וִויל דִיךְ גֶעוִויס נִישְׁט בֶּעגְרָאבֶּען.

מַלְכִּיאֵל: וָואס'זְשֶׁע בִּיזְטוּ גֶעקוּמֶען אַהֶער צוּ מִיר? הָאסְט דִיךְ אֶפְשַׁר גֶענוּמֶען פַאר'ן שֵׂכֶל און בִּיזְט גֶעקוּמֶען דֶעם טַאטֶען אִיבֶּערְבֶּעטֶען?

פרומע: אִיבֶּערְבֶּעטֶען אַ טַאטֶען אִיז נִישְׁט קֵיין אִים כָּבוֹד, חָלִילָה.

חוה: נִישְׁט אַלֶע מָאל אָבֶּער אִיז עֶס אַ גְרוֹיסֶער כָּבוֹד.

מַלְכִּיאֵל: דִי צַוָּאָה אִיז טַאקֶע אוֹיפְגֶעשְׁרִיבֶּען, אָבֶּער אוֹיבּ דִי וֶועסְט מִיר צוּזָאגֶען צוּ וֶוערֶען אַ שְׁטִיקֶעל מֶענְשׁ אוּן וֶוערֶען אוֹיס מְטוּרָף, אוּן בֶּעטֶען.

בן ציון: טַאטֶע, אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט צוּ זָאגֶען צוּ וֶוערֶען אוֹיס מְטוּרָף, אוּן וָואס אַנְבֶּעלַאנְגְט וֶועגֶען דֶער יְרוּשָׁה אִיךְ הָאבּ מִיךְ קֵיין מָאל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט מִיט גֶעלְד, אָבֶּער וֶועגֶען אִיבֶּערְבֶּעטֶען זִיךְ מִיט דִיר קֶען זַיין אַז אִיךְ בִּין אוּמְגֶערֶעכְט, יָא, אִיךְ וִויל דִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטֶען (פויזע) טַאטֶע, אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעטְהוּן שְׁלֶעכְטֶס אוּן דוּ מֵיינְסְט אַז אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג גֶעגֶען דִיר, אַז אִיךְ הָאבּ וָואס גֶעטְהוּן גֶעגֶען דַיין ווִילֶען, גָאר דִיךְ צוּ עֶרְגֶערְן? אַזוֹי בֶּעט אִיךְ דִיךְ, זַיי מִיר מוֹחֵל טַאטֶענְיוּ, זַיי נִישְׁט בֶּעז אוֹיף מִיר.

ישראל יעקב: עֶדְלֶער גָאלְדֶענֶער מֶענְשׁ.

יחזקאל: אַזוֹי, שָׁלוֹם? טַאטֶע, מֵיין נִישְׁט אַז דוּ וֶועסְט אִיבֶּערְאַרְבֵּייטֶען דִי צַוָּאָה, קְרִיגְט עֶר שׁוֹין עֶפֶּעס? מִיר וֶועלֶען נָאךְ זֶעהֶען וָואס מֶען וֶועט זָאגֶען אִין גֶערִיכְט, פַאר וָואס זָאל דֶעם שְׁוַוארְצֶען יָאהר אָנְקוּמֶען גֶערִינְג, וֶועהְרֶענְד אִיךְ הָאבּ גֶעהָארֶעוֶועט אוּן הָאבּ בֶּעדַארְפְט מִיט מֵיין קָאפּ אַלְסְדִינְג פֶערְזָארְגֶען?

מַלְכִּיאֵל: פֶערְזָארְגֶען גוּט מָארְגֶען, אוּן דָאס וָואס דוּ הָאסְט אָנְגֶעגַנְבֶעט, דוּ הָאסְט יָא אַיין פֶערְמֶעגֶען בֶּעווּנְדֶער וָואס אִיךְ מַאךְ מִיךְ אַז אִיךְ ווֵייס נִישְׁט, אִיךְ וַוייס אָבֶּער יָא.

יחזקאל: פֶערְמֶעגֶען, הַאלְט בַּיים שְׁטַארְבֶּען אוּן הָאט מוֹרָא טָאמִיר הָאבּ אִיךְ אִיהם בֶּעגַנְבֶ'ט אוֹיף 3 גְרָאשֶׁען?

בן ציון: אִיבֶּער וָואס קְרִיגְט אִיהר אַייךְ? פֶערְמֶעגֶען, גֶעלְד, גְרָאשֶׁען, פֶּע, וִוי מִאוּס, וָואס פַאר אַ מִאוּס'ע וֶועלְט אוּן וָואס פַאר אַ מִאוּס'ע מֶענְשֶׁען.

יחזקאל: איך האָב אַ ווייב מיט אַ קינד איך וועל געהן ביז האַלו און ביז בלוט!

(אויפטריט מילכה, ירוחם, זלמן, יודען).

מילכה: אויף וואָס קלויבט איהר אויף אַ כּלה אָדער אויף פּרוכת (צו מלכיאל) בּעל הבּית, יודען.

מלכיאל: יודען, שמידען, וואָס דאַרפט איהר איצט דאָ?

ירוחם: ר' מלכיאל אַלע חתימות זענען שוין דאָ, איהר האָט געזאָגט, איהר וועט אויך אונטערשרייבען כּדי קהל זאָל זעהען אַז איהר ווילט זיך מיט דעם עולם נישט פערקרינגען, אײַער מחותן האָט אונטערשריעבען יחזקאל אויך, איהר פערשטעהט, אַז אײניגע שרייבען אונטער, וועט געוויס זיין גרינג דעם לא יצלח פּטור צו ווערען פון דאַנען, אָט איז ער דאָ דער תּכשיט, אַז מיר דאַרפען איהם נישט האָבען און סאַראַקע מיר ווילען איהם נישט.

בן ציון: אַלע אײנגענע האָבען שוין אונטערשריעבען, האָט דער אינזשעניר אויך אונטערשריעבען.

מישע: איך בּין אין אַ פּרינציפּ געגען זאָלכע זאַכען, ווי ארויסשיקען, אָבער ווען די גאַנצע געמיינדע, ווען אַלע.....

ראזענבערג: איך בּין טאַקע איין אויפגעקלערטער, אָבער יוד איז יוד, איך שטעה נישט אָב פון כּלל.

מישע: יאָ מען דאַרף געהען מיט אַלע, מען טור זיך נישט אָבטיילען.

בן ציון: מען דאַרף געהן מיט אַלע? ווען אָבער אַלע געהען נישט, ווען זיי שטעהען אין אַ שטאַל ווי פערד צו געבונדען צו אַ קאָריטע? דאַרף מען שטעהען מיט זיי אין הירזשען? נון איך טהייל מיך אָב ר' ירוחם איהר זאָגט מען דאַרף מיך ניט האָבען אין סאַראַקע, און ווי אין דער גרויסער וועלט דאַרף מען מיך יאָ? חה חה חה מיר איז יעצט איינגעפאַלען איין סטראַטעגישער פּלאַן, איך וועל מיך אַליין אַרויסשיקען אָהן אײַערע חתומות, און אָן אײַערע הסכּמות (ווייזט מאַדעלן) איהר זעהט וואָס איהר האָט געמאַכט פון מיינע מאָדעלם דאָס האָט איהר געטהון.

ירוחם: איך לייקען נישט, איך האָב דאָס געטהון בּדעת הקהל און בּדעת המקום און בּדעת הבּריאות, אַלע האָבען צוגערעדט, אײַער יחזקאל

אַלֵיין האָט מיר ערשט היינטע געזאָגט צערבּרעך עס אויף פּיצלעך; וואָס לעבּסטו דו אויף דער וועלט.

בן ציון: אַזוי מען האָט אייך געהייסען צערבּרעכען מיינע מאָדעלען, און איהר האָט עס געטהון. איצט וועל איך אייך ווייזען וואָס איך וועל טהון, איהר האָט צערבּראָכען די מאָדעל וואָס איך האָבּ געמאַכט, און איך וועל צערבּרעכען דאָס מאָדעל וואָס אַליין די נאַטור האָט בּעשאַפען. (שיעסט זיך).

ארע: (פערברעכען דיא הענד) בּן ציון צו וואָס האָסטו געטהון? אַ דאָקטאָר לויפט נאָך אַ דאָקטאָר.

(אויפטריט ליעזע).

בן ציון: (שוואך) איך בּין געוועזען איין איבּריגער אין סאַראַקע, האָבּ איך מיך אַליין אַרויסגעשיקט. איך האָבּ נישט געוואָלט נעהמען מיט דער גאַנצען טשערעדע, האָבּ איך מיך אָבּגעטיילט. ווי איז דער פעטער? (ישראל קומט מיט פרומע) פעטער, מומע, איהר בּלייבּט וויעדער אַליין, זייד געזונד מיינע איינציגע טהייערע פריינד, ווען נישט איהר, וואָלט איך נאָך צו יחזקאל'ס חתונה געטהון דיעזעלבּע זאַך. נו נאָך געמיטשעט זיך צוויי און האַלבּ יאָהר, איך האָבּ נישט קיין כּח מעהר. איך קען נישט, ליעזע, ווי איז ליעזע, איך זעה זיא נישט, איז עס ווייל מיר ווערט דונקעל אין די אויגען? אָדער זי איז נאָר נישט דאָ?

ליעזע: דאָ בּין איך נעבּען דיר בּן ציון.

בן ציון: ליעזע, ווען איך זאָל לעבּען וואָלטען זינדיגע געדאַנקען מיך געוועזען געפּלאָגט, ליעזע, נישט בּעשערט געוועזען נעבּען דיר צו לעבּען, וויל איך בּעסער נעבּען דיר שטאַרבּען. (שטארבט).

ישראל יעקב: אַזוי בּן ציון מיט וועמען וועל איך איצט בּלייבּען אין דער פינסטערער וועלט. אַזוי ווי אַ נר תּמיד האָט געבּרענט בּיי אונס אין שטיבּ ווען דו בּיסט געוועזען, און איצט ווערט זיין פינסטער און וויסט. (וויינט).

(דאָקטאָר קומט).

דאָקטאָר: (בעטראכט איהם) ער איז טויט! (אב)

מלכיאל: אומזיסט זיך אַזוי פיעל געפּלאָגט און געמיטשעט. אוי וועה איז מיר.

ישראל יעקב: (וויינענד) אוּמזיסט? ניין, נישט אוּמזיסט. ער האָט ווייניג געלעבּט אָבער נישט אוּמזיסט, אַזוי ווי אַ ליכטיגער שטראַהל האָט בּעלייכטעט אוּנזער פינסטער לעבּען, און דער שטראַהל וועט אוּנס עוויג שיינען, וועט עוויג וואַרמען אוּנזערע צוּ ווייטיגטע הערצער. אָה בּן ציון, מיין תּלמיד, מיין פריינד, מיין חבר, מיין רבּי. (אלע וויינען. — חוה אוּמאַרמט פרימען וועלכע איז ווי פערשטיינערט).

פרומע: אוּנזער קינד, אוּנזער קינד.

ע נ ד ע.

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY JUNE 13 1988

	K	h
בחורים, איין אַקטער,		
פון קאַצענעלזאָהן	—	45
נאָטם פון נקמה, ש. אַש	—	90
געבראָכענע הערצער,		
ז. ליבין	—	70
גליק'ס פערגעסענע, פינסקי	—	30
ד"ר אַלמאָסאַדאָ גאָלדפאַדען	—	60
דעקאַדענט איין-אַקטער,		
פון קאַצענעלזאָהן	—	45
דאָרא, שליפערשטיין	—	60
דוד און דער וויסטע,		
עפּעלבערג	—	60
דאָס ברענענדע הויז	—	70
די גייסטער, איבסען	—	90
די פרוי פון ים "	1	—
דער דאָקטאָר, שלום עליכם	—	30
די יודען טשיריקאָוו	—	80
די וועבער, הויפּטמאַן	—	80
דער שדכן, עפּעלבערג	—	30
די עגונה, לערנער	—	70
דער הונגער, יושקעוויטש	—	70
די מוטער, שטיינבערג	—	70
דער גט, שלום עליכם	—	30
הערצעלע מיוחס, ריכטער	—	60
הדסה די חלוצה	—	70
ווילנער בעל הבית'ל		
ארנשטיין	—	70
ושידאָווקא, לערנער	—	60
ושאַן און מאַגדאַלענא, מירבא	—	70
חפני ופנחס, שאַרקאַנסקי	—	70
טאטע מאמעס צרות		
פון נעבעל	—	50

	K	h
ישיבה בחור, גאָרדאָן	—	70
יודישע אַקטערין אויף רייזע	—	45
כישוף-מאַכערין, גאָלדפאַדען	—	60
כל נדרי, שאַרקאַנסקי	—	70
לא תחמוד, גאָלדפאַדען	—	60
לעצטע השמונאים וואהלמאַן	—	70
מאטי מלך דער סטאָליער		
דראַמאַ פון קאָרנבליט	—	70
משיח'ס צייטען, ש. אַש	—	90
משה חיט, ריכטער	—	60
מזל טוב, שלום עליכם	—	30
משיח'ס צייטען, גאָלדפאַדען	—	60
נאָכן שטרייק, טשורני	—	45
עקידת יצחק גאָלדפאַדען	—	60
עתליהו, האָרוויץ	—	50
עזריה גבור חיל	—	70
פאַמיליע צבי, פינסקי	—	40
צווייעט און צושפּרייט,		
שלום עליכם	—	80
צווייטער המן, שמ"ר	—	70
קאָקעטטע דאַמען, שמ"ר	—	60
קעניג אחשורוש גאָלדפאַדען	—	60
קעניג הורדוס, לאַנדוי	—	70
קבצנזאָהן עט הונגערמאַנן	—	60
קוני לעמעל, גאָלדפאַדען	—	60
רעפּעטוציע, רייזען	—	20
שולמית, גאָלדפאַדען	—	60
שלום בית, ריכטער	—	60
שמענדריק, גאָלדפאַדען	—	40
שמע ישראל, דימאָוו	—	70
שבת קודש, פיינמאַן	—	70
שטן אין גן עדן	—	70

BUCHHANDLUNG AMKRAUT & FREUND, PRZEMYŚL.

אויסצוג פון אונזער הויפּטקאַטאלאָג איבער

די נייעסטע זשאַרגאָן ליטעראַטור

(פּרייזע: קראָנען און העללער).

יובילעאום'ס אויסגאַבע.

	קר.	העל.
שלום עליכם'ס נייעסטע ווערקע		
צוויי בענדע	5	—
י. ל. פּרץ'ס נייעסטע ווערקע		
צוויי בענדע	5	—
א. רייזען'ס נייעסטע ווערקע		
צוויי בענדע	6	—
שפּעקטאָר'ס שריפטען		
צוויי בענדע	5	—
שלום אש, יונגער	1	50
„ „ אַ שטעדטיל	1	80
„ „ מאָמענטען	—	40
גראַעץ יודישע געשיכטע זשאַרגאָן נייע אויסגאַבע	7.50	
דינעזאָן'ס וועלט געשיכטע		
4 טייל	5	—
„ הערשאַלע ראָמאַן	1	40
„ יאָסאַלע „	1	40
„ אבן נגף „	2	40
פינסקי, זשאַרגאָן פרעמד		
ווערטערבוך	2	50
א. רייזען, קונסט און לעבען		
3 טייל	2	—
„ „ ליעדער פון לעבען	1	25
„ „ צייט ליעדער	—	60
„ „ זשאַרגאָן גראַמאַטיק	1	—
„ „ חריסטאָמאַטיע זאַרגאָן	1	25

שלום עליכם'ס ווערקע

(אויסגאַבע אין העפטען)

	קר.	העל.
פונ'ם פּריזיוו, מאָנאָלאָג	—	15
פעטער פיני מיט דער מומע רייזע	—	15
פישל דער מלמד	—	20
גימנאַזיע	—	15
פערשפּיעלטער ל"ג בעומר	—	15
גרינס אויף שבועות	—	15
דאָס טעפּיל	—	15
באַשערט א אומגליק	—	15
האָדל (טוביע מילכיגער)	—	30
אנ'עצה	—	20
ביים דאָקטאָר	—	15
א גרינגער תענית	—	15
געציל, אַ מעשה מיט נים	—	15
א מלך מיט צוויי מלכות	—	15
כפרות-שטרייק	—	15
שלום עליכם'ס נייע ביבליאָטעק.		
פּעסאַלע דעם רבי'נס	—	15
פינף און זיעבציג טויזענד	—	45
אלמנה נומר 1	—	15
„ „ 2	—	15
„ „ 3	—	15
דער דייטש	—	15
א ווינגרישנער בילעט	—	45
שמואליק	—	15
יוסף דער דוענטעלמאַן	—	30
שפּרינצע	—	15
די יורשים	—	15
מיט'ן עטאַפּ	—	45

בעשטעללונגען ווערען געגען אַנגאַבע רעסט נאַכנאַהמע, פּינקטליך עקספּעדיערט

3 1761 03576 8597

PJ
5129
G585M 4
1908
c. 1

ROBA